STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01694

# DEVORAH'LE MEYUHESES

## Jacob Gordin

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Joseph Masteroff*
*in memory of*
*Louis P. Masteroff*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג די „יודישע ביהנע".

# דְּבוֹרָה'לֶע מְיוּחֶסֶת

לעבענסבילד אין 4 אקטען

פון

י. גארדין.

ווארשא--תרס"ז

# פערזאנען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| פייוויל וואָלאָבאָווסקי | איין אדוואָקאַט | 30 | יאָהר אַלט |
| איוואַן פּוזיר | זיין דינער | [illegible] | „ „ |
| אליקום סטאדאָליע | בה"ב פון אבסניה | 40 | „ „ |
| שמשון אייזענשטאָל | אַ שלאָסער | 35 | „ „ |
| פיני | זיין ברודער אַ קראַנקער | 17 | „ „ |
| ר' יעקב זלמן | זיין זיידע, בלינד | 80 | „ „ |
| דבורה'לע | שמשון'ס פרוי | 20 | „ „ |
| מאַדאַם שמוגלין | איהר שוועסטער | 40 | „ „ |
| הצקאל העקער | אַ רייבער קצב | 40 | „ „ |
| טויבא מירקע | זיין פרוי | 36 | „ „ |
| | יודען און ווייבער | | |

עס האַנדעלט אין זלאָטאָפּאָל

# ערשטער אקט.

א צימער ביי אליקום סטאדאליע. רעכטס און לינקס טהירען, א טישעל, ביי דער רעכטער זייט א קאנאפע, אליקום ליגט אויף דער קאנאפע. פון וויטען הערט מען זינגען א סאלא פון א רוסישען כאר און דאן קלינגט א גלעקיל)

---

**אליקום:** (כאפט זיך אויף און הערט זיך צו) וואס איז דאס? האט זיך מיר געחלומט? פריהער האט זיך מיר אוים געוויזען אז בויערען, להבדיל, זינגען ערגעץ, און נאכדעם — א גלעקעל קלינגען, גאטטעניו אפשר פארט א פריץ? איך האב שוין אזוי לאנג נישט געהאט א ברעקעל פריץ ביי מיר אין דער אכסניה. אוי א פריץ! רבש"ע שיק מיר צו א פריץ. כלעבען א גוטער פריץ איז א כשרה מציאה. ערשטענס נעמט ער דעם בעסטען אלקער, דינגט זיך נישט און וויים נישט פון קיין חשבון. צווייטענס אלע ווײלע וויל עפעס דער פריץ: ברענג איהם דאס און קריג איהם יענס, איך לויף אהין און שפרינג אהער. א געשעפט!.. אמת ער גיעט טאקע אמאל א שטארקע מיט דעם פוס און שפייט אין אין בארד אבער מען האט פארט פרנסה דערפון. (דאס גלעקעל הערט זיך) אוי א גלעקעל... א פריץ ווי איך בין א יוד, (ביים פענסטער) אהער גאטעניו, אהער! לאז נישט דעם פריץ פארקערוועז צו שמחה חיריק. א פריץ בנאמנות! (לויפט צו און עפענט די טהיר — פונ'ר מיט א פ ארדינע טעשלעך אין די הענד).

פוזיר: דו ביסט עס דער ווירטה פון דער גאסטיניצע, ווי רופט מען דיך? מאצאפורא?

אליקום: נישט מאצאפורא! מיך רופט מען אליקום סטאדאליע. נאר מיך ארט נישט. מיינע געסט מעגען מיך רופען ווי זיי ווילען, אבי איך זאל עפעס פערדינען דאבײ.

פוזיר: גיעב אונז דעם בעסטען נומער. מײן גנעדיגער העדר און איך, מיר האבען ביידע פײנט א שלעכטען צימער.

אליקום: ווער איז דײן הערר? טאקי עפעס א שטיקעל מענש? טאקע א אמתער פּריץ?

פוזיר: ווײסט איהם באלד זעהן, ער איז אראב געשפּרינגען קויפען פאפּיראסען. וועט ער קריגען אין אזא שטאדט ווי זלאטאפאליע „סולטאן"?.. יא ער איז א פּריץ. פּײוויל אסיפאוויטש וואלאבאווסקי. א בערימטער אדוואקאט אין אדעססא, איין מאנאמענט איז ער שוין דא.

אליקום: א „כאפּ די קאץ"? נישט קיין גרויסע מעצאצע. איז ער נישט א יוד? לכל הפחות זאל ער כאטש זײן א רוס.

פוזיר: משוגע איז ער א יוד צו זײן! אנ'אמתר רוסישער פּריץ איך בין זײן קאמערדינער און בין אויך נישט קיין יוד. נײן! איך בין א דײטש. א קורלענדער דײטש פון אונטער בערסאן, מײן נאמען איז איוואן פוזיר

אליקום: האט ער עפּעס געפּעק מיט זיך?

פוזיר: אויב ער האט? באלוואן! זעה וויפיעל קלײדער און העמדער. אלע טאג אנ'אנדער קאסטיום, אלע אין דער פריה אנדערע וועש, 36 פּאר שקארפּעטקעס, נאך דער לעצטער מאדע, א הוט צום שפּאצירען, א הוט צו מאכען וויזיטען... א הוט.... ער געהט... (אויפמריט פּײוויל רויפענד)

אליקום: (נעמט אראב דאס היטעל) דאברע דזיען פאניע, יאסנע וויעלמאזשנע. דא האט איהר די בעסטע צימערען. דא אויף דער קאנאפּע וועט שלאפען אייער קאמערדינער, און

דאָ איז פאַר אייך אַ צימער (עפענט די טהיר) איהר זעהט? א בעט פון פימסען האָלץ. 29 יאָהר האָט געשלאָפען אויף דעם רב ישראל בראָדסקעס מאַדאַם. איהר ווייסט וויפיעל מיליאָנען רב ישראל בראָדסקי האָט? ער איז אונזערער אַ זלאָטאָפּאָלער מיליאָנער...

**פוזיר:** 29 יאָהר? נו געווים איז אין בעט דאָ מיליאָנען.

**פייוויל:** ח ח ח! און אין די ווענד, רוהען געווים בעזע הונגעריגע באַשיע־בעזיקען... (קוקט אין צימער) פפוי! וואָס איז דאָרט פאַר אַ שפּיגעל? גראַדע ווי מיט פּאָקען בעזעצט. איך קאָן גישט זיין אָהן אַ שפּיגעל.

**אליקום:** דאָס האָבען איהם אַביסעל די פליגען בעפּינטעלט. נו וואָס קען מען מיט זיי מאַכען? אָבער ער ווייזט אֶמֶת... אַקוראַט אַזוי ווי ער איז. און טאַראַקאַנעס, חלילה! גיעט אַ רענדעל פאַר אַ טאַראַקאַן...

**פייוויל:** אַך מיין גאָט! דאָ אין דעם דונקלען קערקער וועל איך געצווינגען זיין צו פערבלייבען אַ גאַנצע וואָך! 7 טעג! ביז איך וועל אַלע נעטהיגע פּאַפּירען און דאָקומענטען אַרויס קריגען. וואָס וועל איך דאָ טהון איך וועל דאָך פון זינען אַ ראָב! הם.. גיעבט עס ביי אייך דאָ טעאַטערע? אַ קלוב? אַ בולוואַר? אַ קאַפע שאַנטאַן?

**אליקום:** וואָס איהר פערלאַנגט נאָר, יאַסנע וויעלמאָזשנע. געהט דאָ איבערן בריקעל איז איין אַנדער שטעטיל.. „נאָווי־מיר־גראָד". דאָרט איז דאָ דראַגונערס אַ גאַנצער פּאָלק און אַ פּאָלקאָווניק מיט קאָזאַקען. אַלע טאָג קענט איהר זעהן ווי מען מושטרעוועט סאָלדאַטען, און ווייטער קענט איהר דאָרט קריגען אַלץ וואָס איהר ווילט. אפילו פון פויגעל מילעך. איהר זאָגט נאָר מיר... סחורה אַזאַ יאָהר אויף מיר...

**פייוויל:** ח ח ח! צום טייפעל! געה ברענג מיר טהע, אַ סאַמאָוואַר. אָבער שנעל, איך האָב פיינט לאַנג צו וואַרטען.

**אליקום:** איהר דאַרפט מיר נאָר זאָגען. איך בין נישט פויל. אַ סאַמאָוואַר? שוין דו מינוט. עס זיעד שוין, וואָס נאָך?

**פוזיר:** באָלוואַן! איך ווייס ווי עס זיעד ביי דיר. געה מהו וואָס דער הערד הייסט. (וואַרפט אַרויס אליקום'ן)

**פיוויל:** פוזיר גיב מיר אַ לייכט רעקעל.

**פוזיר:** איהר ווייסט? איך האָב איהם געזאָגט. אַז איהר זענט אַ רוסישער פּרינץ וואָס אַרט איך? אַ יודען וואָלט ער קריגען אויף'ן קאָפּף, און אַ רוס וועט ער געבען רעספּעקט (טהוט איהם אָן דאָס רעקעל). איהר זענט אַ פאָניע און איך אַ דייטש.

**פיוויל:** געה צום טייפעל מיט דיינע דומהייטען! זאָג מיר בעסער, ווי קען מען דאָ לעבען גאַנצע 7 טעג? איך זאָל דאָ טרעפען אַ זלאָטאָפּאָלער פּרינצעסין אויף אַ זיבען טעגיגען ראָמאַן, וואָלט עס נישט געשאַדט. ווי מיינסטו מיין ליבער פוזיר?

**פוזיר:** וועניג איז אייך אין אַדעסע? איהר האָט דאָך מיט גענומען ביכער, לייענט, וועט איך נישט לאַנגווײלען.

**פיוויל:** ביכער? לומפּ דו! גיעבט עס עטוואָס לאַנגווייליגערעס פון ביכער? וועלכער אַדוואָקאַט לעזט עס ביכער? מיר דאַרפען האָבען די ביכער, אויפען טיש און אין די שראַנקען, נור אום די קליענטען זאָלען צו אונז מעהר צוטרויען האָבען. ביכער לעזען! אַ שענע אונטערהאַלטונג! ברענג מיינע זאַכען אין אָרדענונג! (אָב)

**פוזיר:** נאָר ראָמאַנען ליגען איהם אין זינען. קוים דערזעהט ער אַ קליידעל הערט ער באַלד פערצאַפּעלט! (לעגט ויך אויף דער קאַנאַפּע) אָ! לאָמיך אַ ביסעל אויס ציהען מיינע דייטשעשע ביינער. זיין קאַנאַפּע איז אויך אַ פּנים פון פימסען האָלץ. (שמוגלין מיט אַ קאָרב, מיט פלייש און קאַרטאָפּעל) וואָס דאַרף אַ יודענע?

שמוגלין: אַ יודענע נאַר? ביסט אַליין אַ שווין! איך בין אַ מאַדאַם.

פּוזיר: אַה! וואָס דאַרף אַ מאַדאַם?

שמוגלין: איך בין מאַדאַם שמוגלין און דאַרף זעהען דעם הערן וואָלאָבאָווסקי. געה מעלד איהם: „מאַדאַם שמוגלין"

פּוזיר: ווי? שמוגליע נאַר? נור איין מאָמענט. (לויפט אב אין צווייטען צימער)

שמוגלין: איהם איז אַרוים געקראָכען די אויגען. ער זעהט נישט אַז איך בין נישט קיין זלאָטאָפּאָליער צלאָפּ! ליגט דען נישט אויף מיין פּנים דער יחוס פון אונזער משפּחה?

פייוויל: (בײַ זײַטע) פוי! און איך האָב געהאָפט עטוואָס רעכטס. מיט וועהם האָב איך די עהרע?

שמוגלין: אַך טאַטע זיסער! איך האָב אָבער פריהר געוואוסט מיין הארץ האָט מיר געזאָגט. איך הער אין יאַטקע, אין מאַרק, מע זאָגט: וואָלאָבאָווסקי איז געקומען. וואָלאָבאָווסקי אַ'נ'אַדוואָקאַט. זיי זאָגען אַבלעקאַט. וואָס ווייסען זיי פון בילדונג? — וואָלאָבאָווסקי? קלער איך מיר: איז דאָס נישט אונזער אַלטער, גוטער, טהייערער, ליבער בעקאַנטער פייוויל? פייוויל איהר דערקענט מיך נישט? אַך טאַטע זיסער! ער איז עס....

פייוויל: אָבער מאַדאַם, מיט וועמען האָב איך די עהרע?

פּוזיר: (קומט אריין) נאַ דיר אַ שמוגליע אַ'נ'אַנטיקעל.

שמוגלין: הײַנט שטעלט אייך פאַר ווי אונזער דבורהלע וועט זיין איבערראַשט. טאַטע זיסער! אויפ'ן זיבטען הימעל וועט זי אַרויף שפּרינגען! נו וואָס זאָגט איהר? פאַרט פייוויל! אונזער פייוועלע.. (גיט אַ מאַך מיט די הענד עס פאַלט ארויס אַ טיך מיט קאַרטאָפעל) אַ גאַסט! אַזאַ גאַסט! דבורהלע וועט משוגע ווערען פאַר שמחה, טאַטע זיסער! פייווילעך! פייווילאַשע! נו וואָס זאָגט איהר פאַרט?

פייוויל: אָבער האָכווירדיגע מאַדאַם! מיט וועהם האָבע איך די עהרע?

**פוזיר:** דאס האט איך גאט געשיקט א זלאטאפאליער פרינצעני-סען: שורמו-גיליא...

**שמוגלין:** קוקט איהם נאך אן. עס איז דאך א מחיה א געבילדע-טער קאוואליער נישט קיין זלאטאפאליער, פלאסקעדריגע. און דבורהלע! א נייע נשמה וועט איהר אין איהר אריין הויבען.

**פיוויל:** (צו זיך) ווי געפעלט עס איך? אבער איהר געזיכט איז מיר נישט פרעמד און דער נאמען דבורהלע איז מיר אויך בעקאנט.

**שמוגלין:** א יא, איהר האט מיך נישט דערקענט? וואס איז דער חידוש, צווישען גראבע מענשען ווערט מען פער-ענדערט. אמאל האבען מיר, אין כערסאן, געוואהנט נעבען אייך. געוועזן רייך. מאמע מיינע! אונזער יחוס, אונזער בילדונג, אונזער הויז, אוי, אוי, טאטע מיינער! איך און דבורהלע, מיר זענען דאך משה זלאטאפאלערס טעכטער.

**פיוויל:** אהא! און יעצט זענט איהר ביידע אין אונזער געבורטס-שטאט? — דבורהלע? איך ערינערע מיך זי איז געוועהן אזוי שען, אזוי היבש!

**שמוגלין:** איהר געדענקט דבורהלען? איהר פלעגט זי קושען, קנייפען און שציפען. איהר זענט געוועהן א גוטער גנב, טאטע זיסער! א קאוואליער פון די יונגע יאהרען. און דבורהלע איז נאך שענער געווארען. איהר וועט אייך פערליעבען אז איהר וועט זי דערזעהן. אך! וואס מיר זענען אויס-געשטאנען! מיר זענען ארעם געווארען, און מיין שמעריל שמעיה שמוגלין האט זיך מישב געוועזן און גענומען זיין שטארבט אב און לאזט מיך א בלוט יונגע אלמנה אהן א מאן... אונזער פאטער איז געשטארבען דא אין זלאטאפאליע. און דבורהלע, וואס האט געקענט אזוי פיעל ווערטער פון פראנצויזישען

און האָט אויפן פאָרטעפּיאַן געשפּילט „וויאַשקאַ וויאַשקאַ דערעוויאַשקאַ" און אַנדערע אָפּערען, האָט זיך געבעטן אַלעס פערגעסען. זי האָט געמוזט בלייבען אָדער אַ מויד ביז די גראָהע צעפּ אָדער חתונה האָבען פאַר אַ בעל מלאכה, פאַר אַ גראָבען יונג. טאַטע זיסער! אַזאַ מיוחסת, אַזאַ געבילדיטע...

**פּיוּוויל:** איהר מאַן איז אַודאי אָרעם? און זי ליעבט איהם נישט. (צו פוזירן) אָ זי איז שען געוועהן. פוזיר גאָט פער־לאָזט נישט אַפילו אין דער וויסטע.

**פוזיר:** יאָ, עס וועט שוין זיין וויאַשקאַ וויאַשקאַ דערעוויאַשקאַ.

**שמוגלין:** חלילה! איהר מאַן איז נישט אָרעם. ער האָט אַנ'אייגענע הויז, אַ'נ'אייגענעם וואַרשטאַט און האָט אַ סך אַרבייט פון די גוט־בעזיצערס און פון דעם גאָוואָמירגראָדער פּאָלקאָוו־ניק. אַ בריה אַ'נ'אַרבייטער. די הויט ברענט אויף איהם. טאַטע זיסער! ער שטאַרבט נאָך דבורהלעס טריט, ער איז אָבער נישט קיין געבילדעטער. איהר וועט גלויבען, אַפילו קיין קאַדריל טאַנצ'ט ער נישט, ער שעהמט זיך מיט איהר צו געהן אין דער גאָס געאָרמט. זי איז אַ געזונטע, זאָגט ער, נאָך וואָס דאַרף מען זי פיהרען. אַך! שמעלט איך פאָר, ווי דבורהלע וועט זיך דערקוויקען ווען זי וועט איך דערזעהן. איהר מוזט קומען צו אונז! יאָ איהר מוזט!

**פּיוּוויל:** מיט פערגעניגען. איך האָב געמיינט מיר וועט לאַנג־ווייליג זיין דאָ. און עס קען גראַדע זיין פערקעהרט...

**שמוגלין:** אַך, איהר וועט זי זעהן, זי איז געוואָרען פעט און אינטרעסאַנט. איהר וועט זיין צו פרידען, און זי וועט זיין אין זיבעטען הימעל. פערגעסט נישט! אויף דער בלאָטיקער שטראַסע. איהר פרעגט שמשון אייזענשטאָהל דער שלאָסער. אַפילו אַ קינד אין וויעג וויסט, טאַטע זיסער! איך לויף און פליה זאָל דבורהלע וויסען. קוק

איהם נאָר אָן , אַ מחיה , פּײַוויל ! אונזער פּײַוויל ! מאַמעלעך מײַנע . איך לויף , איך פליה , איך פליה , (אָב)

**פּיוויל :** דבורהלע ! דבורהלע ! אוי איז דאָס אַ סורפּריז ! דו ווײַסט ? זי איז געוועהן אַזוי שעֶן , און איך אַזוי אונ־פּראַקטיש ! עס איז געוועהן אַ צײַט ווען איך בין פערטיג געוועהן ערענסט אין איהר צו פערליבען זיך . פּוזיר ! ערענסט ליבען איז דומהײַט , אַ קלוגער מענש דאַרף ליעבען אָבער נישט פערליבט זײַן . די ליעבע האָט אין זיך געווים , עטוואָס פּאַעטישעס אָבער .. פּוזיר .. דערלאַנג מיר מײַנע לאַקירטע שיך (אָב)

**פּוזיר :** ליבע , פּאָעזיע מיט לאַקירטע שיך אין איין מאָנאָמענט (זוכט אין רענצעל , אליקום קומט אַרײַן)

**אליקום :** דעם סאַמאָוואַר וועט מען באַלד אויף שטעלען . זאַראַז פּאַניע , זאַראַז , די דינסט איז שוין געגאַנגען נאָך וואַסער .

**פּיוויל :** (אונטער די קאָליען) פּוזיר מײַן שענסטען אַנצוג ! אַ עס איז קײַן קלײַניגקײַט אויף דער בלאַטיגער שטראַססע . ח ח ה ח !

**פּוזיר :** (מיט די רענצליך) מאַצאַפּורע אוועק פון וועג !

**אליקום :** פּײַוועלע , פּײַוועלע ח ח ח אַ גוטער רוס און פּוזיר כלעבען אַ גוטער דײַטש ! האַ האַ האַ (פּוזיר לויפט אַרײַן מיט די טשעמאָדאַנעס אין צווייטען צימער)

## פערוואַנדלונג .

(אַ צימער בײַ שמשון אײַזענשטאַל נישט רײַך אָבער רײַן . פיני פּוּרט דעם אַלטען זײַדע)

**פיני :** איך בין מיעד , זעץ דיך זײַדע , דו זעהסט ? וואָס האָב איך דיך פריהער געזאָגט ? די מיוחסת אונזערע שלאָפט נאָך . דעם סאַמאָוואַר האָט מען נאָך אַפילו נישט אויף געשטעלט ,

**זיידע:** צו וואס טויג דיר טהע? נארעלע. דאפאר ביזט דו דאך אזוי קראנק און שוואך, ווייל דו ביזט א טהע טרינקער. עה! מען נעמט א שטיק ברויט מיט זאלץ און מען פערטרינקט מיט א קריגעל מילעך, אדער מיט פריש וואסער. זעהסטו איך האב אין דיינע יאהרען נישט געטרינקען קיין טהע בין איך שוין 80 יאהר אלט און בין א יונג מיט ביינער.

**פיני:** ניין זיידע איך קען נישט. איך בין א קראנקער. איך האב קיין מאהל נישט קיין אפעטיט צום עסען. קיין זאך פרעהט מיך נישט, און יעדע נארישקייט קרענקט מיך און מאכט מיך בעז. זעה, אונזער שמשון, ארבייט אזוי שווער, און זי שלאפט! ער איך גאר נישט געגעסען און איהר ארט גאר נישט! פאר וואס האט ער זי אזוי ליעב? אמאל האט ער דיך און שטארקער געליעבט. היינט ליעבט ער נאר זי. קיין בה"בסטע איז זי נישט. ארבייטען וויל זי נישט, נאך וואס דארף ער זי?

**זיידע:** פיני! דו ביזט א שוטה. דו ביזט נעבאך א קראנקער. פערשטעהסטו דאס נישט: גאט האט בעשאפען זיין שענע וועלט פאר דעם מענשען; גאט וויל אז מאנן און ווייב זיך ליעבען זאלען זיין איין לייב און איין זעלע. איך בין געוועהן אין דיינע יאהרען האב איך נישט געפרעגט אזעלכע קשיות. ווען די באבע ע"ה זאל לעבען וואלט זי דיר דערציעהלט וואס פאר א חברה מאנן איך בין געוועהן. נארעלע! גאט האט אזוי די וועלט בעשאפען. א טויב האט אויך א געליעבטע. זאל א מענש זיין ערגער ווי א טויב?

**פיני:** אזעלכע ווייבער זענען נאר אויף צרות בעשאפען געווארען! ער שטעהט אויף פארטאג, ארבייט, גיט איהר עסען און קליידען און זי האלט זיך נאך גרויס. א מיוחסת! און איהר שוועסטער די מאדאם שמונלין וואס דארף זי דא? א

מהומה זאָל אויף איהר קומען! זיידע! דאָס האַרץ פּוילט מיר אויף זיי קוקענדיג!

**זי ע:** איהר שוועסטער איז אַ גאַסט און דערוויַיל איז זי די בעל־הבית׳טע אין שטוב. דבורהלע איז נאָך אַ יונג ווײַבעלע זאָל זי זיך באַלעווען אַביסעל און איבערנעמען. די יוגענד קומט נישט צוויי מאָל..

**פיני:** אַ גאַסט איז מען צוויי טאָג אָבער נישט אַ האַלב יאָהר. זי באַראַבאַנעוועט נאָר מיט די צונג. שמשון קויפט איהר שיך, און גיט איהר עסען און זי, זיידע, לאַכט נאָך פון שמשונען. ביידע לאַכען זיי פון איהם!.. פון שמשונען לאַכען! אוי, איך קען נישט שטילען מיין הערץ!

**זיידע:** פיני, ווער עס וויל נאָר זעהען שלעכטס, דעם איז שלעכט, די וועלט איז שען און גרויס. איך זעה יעצט נישט, אָבער איך פיהל, ווי די ליכטיגע זונן האָט זיך יעצט אויפגעהויבען, אין די בלויע הימלען; אויף די בוימער זינגען און שפּרינגען די זאָרגלאָזע פייגעלעך; בינען פליהען און ברומען; די מערעשקעלעך לויפען אום שטאַרק פערסאַפּעט. אַלעס לעבט אַלעס וויל לעבען, אַלעס פרעהט זיך מיט דעם לעבען. השמים מספרים כבוד אל ומעשי ידיו מגיד הרקיע. איך הער שמשונס טריט, דאַכט־זיך?

**פיני:** יאָ זיידעניו, שמשון געהט. (היסט זיך אויס)

**שמשון:** קומט אַריין (מיט אַ בלויען פאַרטוך)

**פיני:** ברודער, דו ווילסט טהע? זיי האָבען נאָך דעם סאַמאָוואָר נישט געשטעלט. זיי שלאָפען נאָך.

**שמשון:** ש.. ש.. נאַריש יונגעל, אַז זי שלאָפט נאָך וואָס זשע שרייסטו? שלאָפען איז זעהר אַ ביליג פערגעניגען. אַ יאָ זיידעניו? עס קאָסט נישט טהייער. זאָל זי שלאָפען געזונטערהייט. שוטה איינער! אַז דער סאַמאָוואַר איז נישט געשטעלט, נעמט מען אָט אַזוי דעם סאַמאָוואַר און

מען מאַכט זיך אַליין טהע. פערשטעהסטו? (נעמט דעם סאַמאָוואַר צום טהיר)

זיידע: שמשון דו ביזט אַ געזונטער. דו האָסט אַ געזונטען גוף און אַ געזונטע נשמה. דערפאַר ביסטו אַ גוטער.

פיני: צו גוט ביסטו שמשון. דו זאָלסט הערען וואָס זי זאָגט אויף דיר! זיי מאַכען ביידע פון דיר חוזק. דו ווייסט? זי זאָגט.....

שמשון: איך האָב פיינד פאַטשען מיט רכילות. איך פרעג דיך נישט, וואָס זי זאָגט (טראָגט אַרויס דעם סאַמאָוואַר און מט צוריק)

פיני: איך ווייס, דו האָסט מיך נישט ליעב. דו האָסט דעם זיידען נישט ליעב, נאָר זי האָסטו ליעב. ווען איך זאָל זיין אַ געזונטער און קענען אַרבייטען וואָלט איך בעסער אַוועק געגאַנגען. איך קען נישט... אוי אַ מיתה......

שמשון: (ש!.. ש!... פערהאַלט איהם דאָס מויל) פעהלט דיר עפּיס? זאָג מיר. דו דאַרפסט נישט אַרבייטען. שמשון האָט הענד און קאָן אַרבייטען פאַר אַלע. דאָך נישט ליעב האָבען? דעם זיידען אויך נישט ליעב? אַזוי? אַך, איהר געבאַלעוועסטע קינדער מיינע, (נעמט ביידע אַרום) קומט, קומט צו מיר. איך וועל אַרבייטען און איהר וועט טענהן. יאָ דאָרט געבען מיר טעהנ'ט, ווייל אַז איך בין אַליין ציהט מיך אַלע ווייל אין שטוב אַריין (פיהרט זיי)

זיידע: גנב דו! צו וועהמען ציהט דיך? צום אַלטען זיידען?

שמשון: נו נו, אַלטער ווייסער חברהניק! הער אויף! קומט זשע זיידינו! שאַ.. קלאַפּט נישט אַזוי מיט די פיס! אונזערע געבאַלעוועסטע מיוחסתע שלאָפט (אָב מיט זיי)

שמוגלין: (פערסאַפּעט) דבורה! דבורהלע! דו שלאָפסט... גיכער שטעה אויף! שפּרינג אַרויס פון בעט!

דבורהלע: איך שלאָף שוין לאַנג נישט. איך פויל מיך אויף צו שטעהען. וואָס איז דאָרט?

שמוגלין: גיבער, געשווינד! מיר האבען א גאסט. פייוויל וואלאבאוסקי, דיין אמאליגער ראמאן. ער, שטארבט דאך נאך אליץ נאך דיר. ווייסטו נאך וואס ער איז געקומען קיין זלאטאפאליע? נאר דיך צו זעהען.

דבורהלע: וואס רעדסטו דארט? וואס דערצעהלסטו? נאר מיך? פאניע! רייץ מיך נישט. פייוויל וואלאבאווסקי איז ווירקליך אין זלאטאפאלע? געה, געה עס קען נישט זיין.

(דבורהלע קומט אריין אין נעגליזש).

שמוגלין: ער איז דא! אויגען! אוי טאטע זיסער! א האלזטוך! דו וועסט זעהן א האלזטוך! דו האר א־לא פלאמפאדור. שיך א־לא באמביען. אוי מארמעלאד! מאדנע. וואס שטעהסטו, ווי א דערשראקענע? ער וועט דאך דא באלד זיין.

דבורהלע: וואס היימט באלד? איך בין נישט אנגעטהון! נישט פערקעמט! (פויזע) א וועה! נו וואס איז דארט אזוי? נו אז וואלאבאווסקע... וואס האב איך מיך אזוי דער שראקען?

שמוגלין: נאר... אין פאנטאפעל זעהט דאס פיסעל אויס שענער און אין נעגליזש געפעלען מיר זיי בעסער.

דבורהלע: וואס רעדסטו? געוויס דארף איך א׳נ׳אנדער קליידעל אונטהון. דו גיעסט אמאהל א פלאפעל אז די אויגען ברענען פון שאנדע.

שמוגלין: וואס ביסטו שולדיג, וואס ער קומט אזוי פריה? אוי וועה איז מיר מאמע לעב מיינע! ער געהט! ער געהט! דו וועסט זעהן א יונג! דו וועסט זעהן א קאוואליר אט איז ער! (פייוויל קומט אן דבורהלע בלייבט ערשראקען) אך! שוין דא? מיין שוועסטער איז גאנץ קאמפלימענטירט! זי איז נאך אהן דער טואלעטע.

פייוויל: וועמען זעה איך? פריש, בליהענד, שען, דבורהלע! איז דאס מעגליך? די צייט זאל אונז צו שיידען און ווידער צוזאמען ברינגען אלס פרעמדע! האט איהר מיר שוין גאנץ פארגעסען?

**דבורהלע:** עס איז געווען א צייט ווען איך האָב פיעל פון אייך געדענקט. איהר ווייסט עס. יעצט איז אלץ פערביי.

**פייוויל:** אלץ פערביי? ! נײן, נישט דארויף האָט מיך מיין שיקזאל אהער געבראַכט.

**דבורהלע:** איך האָב לאַנג ערוואַרטעט. לאַנג געטרוימט. יעצט מוז אלץ פערגעסען ווערען.

**פייוויל:** יאָ. פאַרט מיט די טרויעריגע געדאַנקען אונד ערינערונגען! אצינד זענען מיר ווידער צוזאַמען איך זעה די, וועלכע איך האָב ערוואַרטעט צו זעהן. דבורהלע! ווי בין איך גליקליך!

**דבורהלע:** הערר וואָלאָכאָווסקי, איהר דאַרפט נישט...

**פייוויל:** הערר, און וואָלאָכאָווסקי? אה דבורהלע!

**דבורהלע:** הער וואָלאָכאָווסקי, פייוועל! איהר דאַרפט יעצט מיט מיר אזוי נישט רעדען. איך בין פערהייראַטעט.

**פייוויל:** אך יאָ. ליידער פערהייראַטעט. דאָ אין געפענגעניס. ווייט פון לעבען און צוויליזאַציאָן. צווישען מענשען, וועלכע...

**שמוגלין:** מענשען, טאַטע זיסער! אין זלאַטאָפּאָלע מענשען! אך א סקאַנדאַל! וואָס זאָגט איהר? איך האָב פערגעסען אַרוים צו טראָגען דעם קאָשיק (אָב)

**פייוויל:** דבורהלע! זאָגט טהייערע: איז אייך זעהר שווער דאָס לעבען דאָ?

**דבורהלע:** פון אָנפאַנג איז מיר זעהר שווער געוועהן. ער איז זעהר א גוטער, אָבער איך האָב איהם נישט געליעבט. מיט דער צייט בין איך צו איהם צו געוואָהנט געוואָרען און... אָבער צום אונגליק איז מיין שוועסטער געקומען און האָט מיר אָנגעהויבען צו פערמיאוס'ן. יעצט זענט איהר דאָך געקומען... איך בעט אייך פערביטערט מיר נישט מיין לעבען!

**פייוויל:** דיר פערביטערען דאס לעבען? דיר? (קוקט ליידענ־שאפטליך)

**דבורהלע:** ניין, ניין. רעדט נישט צו מיר אזוי. קוקט נישט אויף מיר מיט אזא בליק. איך געדענק נאך גוט וועלכע איבערמאכט איהר האט געהאט איבער אונז פרויען. זייט א גוטער פריינד ביי אונז אין הויז, ערנידעריגט איהם נישט אין מיינע אויגען. פייוויל וועקט נישט אויף מיינע אלטע וואונדען פון מיין הערצען! מאכט מיר נישט אומגליקליך! מאכט אונז ביידע נישט אומגליקליך! איך בין שוואך און כאראקטערלאז!

**פייוויל:** דיך אונגליקליך מאכען? בליק מיר אין די אויגען. געדענקסטו נאך די וואונדערבארע שענע זומער נעכטע ווען מיר ביידע: איך און דו האבען ארום שפאצירט ביים דניעפער? (ער אומארעמט זי).

**דבורהלע:** וואס טהוט איהר? וואס ווילט איהר טהון? פייוויל!

**פייוויל:** איך האב דיך ליעב ווי אמאל. דו מאכסט מיך וואהנזיניג! (קושט ליידענשאפטליך איהרע הענד און אין דער צייט לויפט אריין מאדאם שמוגלין פון איין זייט און שמשון מיט'ן סאמאוואר פון דער צווייטער זייט)

**שמשון:** נו יעצט מיינע קינדערלעך. יעצט וועלען מיר טעה טרינקען (ער דערזעהט ווי פייוויל קושט זי) הא! בלייבט שטעהן אין מיטען צימער מיט'ן סאמאוואר אין האנד!...

**פייוויל:** (בעמערקט נישט און רעד ווייטער) הכלל זאגט איהר מיר צו, אז מיר וועלען זיך ווידער ליעבען און קושען ווי פריהער? גיב זשע מיר נאך א קוש!

(פאזיציאן)

פֿאָרהאַנג.

ענדע 1 אקט.

# צווייטער אקט

(דאס זעלבע צימער ביי אייזענשטאל שענער אויפגערוימט

פיני ליגט אויף דער קאנאפע. מאדאם שמוגלין רוימט.)

פיני: איהר ווייסט, וואס איך וועל אייך זאגען מאדאם שמוגלין? ווען איך זעה ווי איהר טאנצט, שפרינגט און האצקעט ארום, מיין איך אז אימיצער האט אין אייך אריין געגאסען א גאנצע דיישקע מיט קוועקזילבער. דאכט זיך די בעסטע זאך איז ליגען אויף א זייט, און זיין רוהיג. וואס איז מיט אייך אזוי די גדולה?

שמוגלין: די גדולה איז, וואס אין אונזער הויז וועט היינט זיין א גאסט, א מענש, א אמתר גאספאדין. ווען נישט דבורהלע, ווען נישט אונזער משפחה, ווען נישט אונזער יחוס וואלט איהר געהאט א מכה, נישט אזא גאסט.

פיני: איך בין אייך מוחל דעם יחוס, בין אייך מוחל דעם גאסט און בין איך מוחל די מכה! אייער גאנצער משפחה מיט הכל בכל, איז נישט ווערטה איין פלעקעל פון מיין ברודער שמשונס אלטע פאטמיאטקע. אוי א מיתה. פון וואנען האט איהר זיך גענומען אויף מיין ברודערס קאפ?

שמוגלין: דיין ברודער איז נישט מעהר ווי א בעל מלאכה, און מיר? טאטע זיסער! מיט וועמען שטעל איך מיך טעהנ'ען? (זי לאכט) דבורהלע! דבורהלע! קום נאר אקארשט אהער! (דבורהלע קומט אריין אויס געפוצט) וואס? דו האסט זיך פערקעמט מיט א פיראמיד גאר? מען געהט דאך יעצט מיט א טשעפטשוק.

פיני: פירנאמידע. טשעפטשוק און אנדערע צרות מיט מאדעס. אוי וועה איז מיר!

**דבורהלע:** וואָס דען האָסטו געמיינט? איך בין יונג, איך בין שען, איך בין געזונד, איך וויל לעבען, א יעדען געפעלען, האָבען פערגעניגען און לוסטיג זיין. אין גרויסע שטעט געהט מען אין טעאַטער אָדער מען שפּאַצירט אויפ'ן בולוואַר, אָדער מען טאַנצט אויף אַ באַל. פיני! דו ווילסט איך זאָל זיצען אַ גאַנצען טאָג און זיפצען, וויינען, תהלים זאָגען?

**שמוגלין:** אַך, פרעג איהם בחרם. וואָס ווייס ער פון טעאַטער, פון פּראָמענאַד פון באַל מאַסקאַראַד? הער דבורהלע דו ווייסט? טהע איז שוין אַרויס פון דער מאָדע. איך וויל אָב קאָכען קאַפע מיט טשאָקאָלאַד.

**דבורהלע:** שבת קאָכען קאַפע? נאָך קאַרג האָבען מיר דערפאַר, וואָס מיר שטעלען דעם סאַמאָוואַר אום שבת? זיין גאַנצע שפּחה זענען פאַנאַטיקער. מען דאַרף עס איהם נישט טהון!

**שמוגלין:** איך וועל אין קיך שטילער־הייט. טאַטע מיינער! ווער וועט וויסען?

**פיני:** די אַלטע בעל־עברה'ניצע! אַ מיתה... זאָל אויף איהר קומען.

**דבורהלע:** פיני מיר ערוואַרטען אַ גאַסט. איהר דאַרפט דאָ יעצט נישט ליעגען.

**פיני:** אַ גאַסט? וואָס אַרט מיך! איך ליעג ביי מיין ברודער אין שטוב. אַז איך וועל קומען צו זיין ברודערס ווייב צו גאַסט וועט אייער הערר: לאָם־טע־דע־רייטאָם, אויך מעגען ליגען. אַפילו אין געהאַקטע וואונדען...

**דבורהלע:** איך הייס איהר זאָלט באַלד אויף שטעהן!

**פיני:** אַז איהר הייסט, נעם איך באַלד און קעהר מיך אום מיט דעם פּנים צו דער וואַנד. אַ נעטהיגע זאַך, געסט מיט האַבעלאַקען!

**שמוגלין:** אַט דאָס איז דיין רעספּעקט און פערגניגען! טאַטע זיסער! וואו אַהין ביסטו אַריינגעפאַלען! מיר וועלען נאָך היינט האָבען חרפּות און בזיונות!

דבורהלע: וואס מיינסטו? פאר מיר און אפשר פאר איהם, איך וואלט בעסער וועלן ער זאל נישט געהן אהער. (זיפצט) וואס קאן דאפון ארויס קומען? דאס פערלווירינג וועט זיך נישט אומקעהרען... איך בין יעצט שמשון אייזענשטאלס פרוי.

שמוגלין: וואס רעדסטו דאס? דיינע יונגע יאהרען וועלען אוועק געהן און נאכדעם וועסטו חרטה האבען און עס וועט שוין שפעט זיין... איינמאל נאר איז מען יונג! נאר איינמאל, אה טאטע זיסער! איך פיהל עס...

דבורהלע: רעד נישט! רעד נישט אזוי צו מיר! איך וויל עס נישט הערען, איך טהאר עס נישט הערען. פאניע! ווען איך זאל נישט וויסען אז דו ביזט מיין שוועסטער, וואלט איך געמיינט אז דו ביסט מיינע א שונא און ווילסט מיך אונגליקליך מאכען.

שמוגלין: מיר טהוט יא וועה דאס הארץ קוקענדיג אויף דיר. דאס גאנצע לעבען פערברענגען מיט א בעל־מלאכה.

דבורהלע: דו פיהרסט מיך אראב פון זינען! דעם לעצטען טראפען פערשטאנד נעמסטו ביי מיר צו! (פערדעקט איהר געזיכט) איך וויל עס נישט הערען איך קען עס נישט הערען! איך קען נישט!..

שמוגלין: שא! דיינער געהט, מיט דער גאנצער משפחה. פונקט געטראפען!

כיני: ווען אונזער פאמיליע געפעלט אייך נישט, וואס זשע קריכט איהר צו אונז? (שמשון, זיידע, טויבא־מירקע, הצקעל)

אלע: גוט שבת! גוט שבת! (פרויען קושען זיך)

שמשון: (איבעראשט) זעהט נאר! בעטראכט נאר אונזער בעל־הביתטע! בעטראכט זי נאר! דבורהלע! ווער וועט גלויבען אז דו ביסט נישט מעהר ווי שמשון אייזענשטאלס ווייבעלע. א גראפיניע! א בת מלכה. איך האב גאר מורא צו איהר צו צו געהן. ווי איך בין א יוד, יעצט דיך

זיידעניו! (צו דבורה) דבורהלע! איך האָב דיר געבראַכט געסט; מיין שוועסטער און מיין שוואָגער זאָגען דו שעמסט זיך מיט זיי. אַ יאַ סאיז נישט אמת? אז מען שעמט זיך נישט מיט'ן מאַן שעמט מען זיך נישט מיט זיינע קרובים. זי איז טאַקע אַ געבילדעטע, אַ פערעדעלטע, אַ געוועזענע פריילין. אָבער זי איז אַ גוטעטשקע (מאַכט פון זיין שניפּטיך אַ קנאָל וואַרפט איהר אין פנים אַריין) אוי דו גנב זיכער! (בעטראַכט פיני) פיני! וואָס איז? פיהלסטו דיך עפּעס שלעכט?

פיני: איך בין קראַנק. אפשר וועט גאָט געבען, איך וועל ווערען טויב. וועל איך נישט הערען וואָס מען רעד די אין שטוב (בײַזו) לאָז מיך צו רוה!

שמוגלין: (צו דבורהן) דער רוח האָט זיי געבראַכט! פונקט, אַקוראַט!

דבורהלע: עס איז זיין הויז און איך האָב קיין רעכט ווען עס איז צו פערביטען אַ הער צו געהן. וואו איז מיין ראָמאַן „מאַנטאַ קריסטאָ"?

שמשון: וואָס הייסט מיין הויז? נאַר, דו! דאָס הויז איז דיין. דו ביסט די ווירטהין, און ווער עס געפעלט דיר נישט גיב איהם דעם וועג. אָהן צערמאָניעס.

טויבאַ־מירקע: יאָ ברודער זי איז די בעל־הביתטע אָבער גרויס האַלטען זיך, און בלאָזען פון זיך, דאַרף מען נישט מיר זענען טאַקע פערהאָרוועטע מענשען, מיר שלאָפען נישט ביז אין האַלבען טאָג, שמירען נישט דעם קאָפּף מיט פּאָמאַדע, טראָגען נישט אין דער־וואָכען שבתדיגע קליידער מיט האַנדשוך מיט פוס שוך, מיט טשיפּטשי־קעס, מיט יאַמפּאָרקעס. מיר רייבען נישט די נאָז מיט ווייסע ליים און שמירען נישט דאָס פנים מיט שמעקענדיגע זייף. אָבער שעמען זיך מיט אונז דאַרף מען נישט. מיר זענען מענשען מיט אַלע צו גלייך...

**חצקאל:** וואס איז דאס אזוי! דו קענסט נישט אמאל צו אונז אריין געהן? נישקשה די פיס וועלען דיר נישט אבדארען. דעם יחוס דיינעם מעגסטו פערקנייטשען אין א זייט! טשטא טאס טהוט זיך געבילדעטע מענשען מיט רבנים אין דער משפחה. איך ווייס ווען ביי מיר שטעהן עטליכע אקסען אין שטאהל, א דאס הייסט ביי מיר די בעסטע משפחה און מיין בעסטער יחוס.

**זיידע:** (זאגענד תהלים) קינדער! איך האב פיינד צו הערען אזאלכע רייד, נישט צום גוטען פיהרט עס. איך פערשטעה עס נישט! אמאל אז מען פלעגט קומען צו גאסט, פלעגט מען זיין פרעהליך, מען האט געזאגט גלייך-ווערטליך, געטריבען שפאס, געלאכט. איז נמאס געווארען צו רעדען האט מען געקייעט ארבעס און הייגט, זענען די מענשען גיפטיגע מען שטארקעט זיך גאר. בעסער וואלט געווען אז איהר וואלט געקייעט ארבעס און געשוויגען. פיני קום פיהר מיך ארויס צום טויער; די שענע זון ווארעמט, און פון זייערע רייד ווערד קאלט.

**פיני:** (געהט צו) זיידע! מיך ווארעמט שוין אפילו די זון נישט, מיר וועט זיין ווארעם ווען איך וועל ליגען אין קבר, און וועל גאר נישט זעהען און גאר נישט הערען. דו ווייסט, זיידע? אום שבת וויל זי ביי אונז אין שטוב קאפע מאכען!

**זיידע:** זארג זיך נישט, פאר פרעמדע זינד, און פרעה דיך נישט מיט פרעמדע מצות. ווער עס האט הנאה פון קאפע דער דארף פאר דער קאפע בעצאהלען...

**פיני:** פאר דער קאפע וועט שמשון בעצאהלען. (ביידע אב)

**טויבא מירקע:** קאפע אום שבת?! וואס דען, זיי זענען דאך געבילדעטע! וואס איז ביי זיי גאט? און וואס איז ביי זיי חזיר? וואס איז ביי זיי אייגענע האר? און וואס איז ביי זיי שבת? וואס זעהט זי דארטען אין רוסישען „קרבן מנחה"?

שמוגלין: (צו דבורה) הײנט זעהסטו שוין וואס מען קען ער־וואַרטען פון גראָבע מענשען? אך! מאַמע זיסער! פון אונזער משפחה אין אַזאַ הויז!

הצקאל: איך האָב פײנד פּאָליטיק. איך בין אַ קצב. פאַר אַזעלכע זאַכען הויב איך באַלד אָן טרײבערען.

שמשון: און איך זאָג: געבילדעטע מענשען זענען פײנער און עדלער אין דער נאַטור, איך זאָל נישט זײן אַזוי איבער־געוואַקסען וואָלט איך מיך נאָך אַצינד געלערנט און נע־בילדעט. קען דען מעגליך זײן אַז מײן דבורהלע זאָל מאַכען אַזאַ לאַרעם ווי דו טויבאַ מירקע? 2 יאָהר האָב איך נאָך ן איהר קײן קללה און קײן געשרײ געהערט. עס איז עפּעס אַזוי, אַזוי גוט און רוהיג מיט געבילדיטע מאַכען חברותה. דבורהלע דו ביסט העכער פון אונז. דאַרפסט אונז לערנען. נו נעם דײן האַנד און אַזוי גיב מיר אַ פּאַטש איך זאָל נישט זײן קײן גראָבער יונג! (פּאַטש זיך מיט איהר האַנד)

הצקאל: אַ ברודער דו ביסט אין פּעסעל! זי זאָל דיך לערנען? וואָס פאַר אַ מאַן ביזטו? זעהסטו, דײן שוועסטער, דאַכט זיך איז אַ קאָזאַק, און אַז איך וואַש די הענד און גיעב נאָר אײן געשרײ ע! גיעט איהר אַ וואָרף די נעכבע נאָך אַ האַנטוך. אָדער אַז איך זעץ מיך עסען און גיעב אַ ברום, „נו" ווײסט זי שוין אַז איך וויל רעטאַך. אָדער אַז איך גיעב נאָר אַ געגעץ, פערשטעהט זי שוין אַז מען דאַרף געשווינד בעטען דאָס בעט. ווײל איך בין אַ קצב און העב אָן באַלד צו טרײבערען.

טויבא: זי איז אָבער בײ איהם אַ מאַדאַם. ער דאַרף האָרעווען, קריעה רײסען און זי לעבט בײ איהם ווי אַ בת מלכה.

הצקאל: וואָס איז זי בײ דיר? ווי אַקעלבעל אויף דער פּאַשע?

שמוגלין: מאַמע זיסער! קעלבער און ביקעס! געבילדעטע מענשען!

טויבא: דו גיעסט אידר נאָך, קריכט זי דיר אויף דעם קאָפּף. דו ווייסט אין דער גאַנצער שטאָדט דערצעהלט מען זיי דער יונגער פּריץ, דער אַבלאָקאַט וואָס שטעהט ביי אליקום'ן איז געוועהן ביי דיר אין שטוב און האָט זיך מיט דיין ווייב געקושט און געהאַלזט! זעהר שען! אזא יאָהר אויף מיינע שונאים!...

שמשון: אין דער האַנד! משוגענע. איך בין אַליין געוועהן דאַביי. ווייל דיר ווייזט עס אוים פשוקרע. מיר האָט עס אויך נישט געשמעקט. אָבער אַז אַזוי פיהרט זיך אָבער די וועלט. ווען אַ מאַנספּערשוין דאַנקט אַ דאַמע, קושט ער איהר די הענד. האַ האַ האַ! וואָס פאַרשטעהן מיר פּראָסטע אַרבייטער פון די זאַכען?

שמונגלין: און ווער האָט איך געזאָגט אַז ער איז אַ פּריץ. אַ יוד איז ער, אונזערער אַ מחותן, כמעט פון איין משפּחה, אין אונזער משפּחה טרייבערט מען נישט.

טויבא: אַזוי? וואָס דען טהוט מען אין אייער משפּחה?

חצקאל: וואָס הייסט אַ פּראָמדער קושט דיין ווייב אין האַנד? בדומה למשל: איך קויף אַ טעפּעל מיט האָניג און ווער עס געהט פערביי זאָל לעקען. איך האָב פיינט פּאָליטיק. איך בין אַ קצב פאַר אַזעלכע זאַכען טרייבער איך

טויבא: וואָס רעדסטו צו איהם! אַמאָל איז ער געוועזען אַ מענש. היינט האָבען זיי דאָך איהם דעם קאָפּף פערדרעהט, און דעם שכל צו גענומען, אַמאָל האָט ער געוואוסט אַז ער האָט פריינד, האָט אַ משפּחה, היינט שטאָפּט ער דאָך אַלץ אַריין אין איהר טרפה'נעם האַלז אַריין! (דבורהלע וויינט)

שמונגלין: וואָס דאַרפסטו וויינען? נאַרר איינער. זאָלען זיי בילען ווי די הונד. קום, וואָס דאַרפסטו זיצען מיט גראָבע מענשען?

דבורהלע: ניין, ניין, וואו אהין זאָל איך געהן? איך בין יעצט פון זייער משפּחה און דאַרף הערען וואָס זיי זאָגען מיר.

**שמשון:** דבורהלע! געה אהין צו זיך (פיהרט זי ארויס און רעד צו טויבאן) איך האב געהארעוועט און דיך חתונה געמאכט ווי א בעל־הבתיש קינד. יא איך האב פאר מיר נישט געטראכט ביז איך האב נישט געזעהן אז מיין עלטער זיידע און מיין קראנקער ברודער זענען פערזארגט. מען האט געלאכט פון מיר וואס איך בין א'נ'אלטער בחור. איך האב נישט חתונה געהאט. איך האב געהאט א משפחה אויף מיינע פלייצעם איך ארבעט אצינד אויך. איך צאהל טהייער פאר דעם שטיקעל גליק. וואס ווילסטו? ווילסטו קומען צו מיר און צו שטער'ן מיר מיין פרייד? ווילסטו צונעמען וואס מיר איז אזוי טהייער און אזוי שפעט אנגעקומען? דו הערסט? זי וויינט! דבורהלע וויינט! אהיים!... און דיין פוס זאל מיין שוועל נישט איבערטרעטען! חזקאל האב דיר א גוטען שבת! (עפענט די טהיר)

**טויבא:** קום חזקאל. זאל זיך די מאדאם מיט דער שמוגלין שלאגען קאפ אין דער וואנד.

**חזקאל:** קום! א שענעם כיבוד געהאט! זיי מיינען אז מיט יחוס קען מען אן שטאפען די קישקע. קום, אין דער היים האבען מיר א שענעם „שלש־סעודות" קום, קום! (ביידע אב)

**שמשון:** נישט פריינד זענען זיי מיר — שונאים, דאכט זיך! וואס ארט זיי? איך פערגין יעדען דאס גרעסטע גליק. פאר וואס פארגינען זיי מיר נישט?

**שמוגלין:** פטור געווארען? ארמע דבורהלע! דער גאסט וועט קומען און ביי איהר זענען די אויגען פערוויינט.

**שמשון:** איך בין נישט שולדיג, מאדאם. זאגט איהר איך בין נישט שולדיג.

**שמוגלין:** אך יא, הער אייזענשטאל! וואס האב איך אייך געוואלט זאגען? ער וועט באלד קומען, זיי וועלען רעדען פון הויכע פאליטיק, פון ביכער דארטען, פון אנדערע

געבילדיטע זאכען און פערשטענדניסע און איהר... פער־שטעט איהר?

שמשון: האהאהא! איך פערשטעה. איהר ווילט איך זאל נעמען דעם וועג. איהר ווילט נישט איך זאהל זיצען ווי א באלוואן און זי זאל זיך מיט מיר דארפען שעמען. איך וועל אייך נישט שטערען, איך וועל זיצען מיט דעם ווירען ביים טויער.

(פוזיר מיט א בוקעט)

פוזיר: אהא. די שמוגלין! דאך געטראפען אויף דער באלאטנער שטראססע! א בוקעט פון מיין הערר. ער וועט דא זיין אין איין מאנומענט (גיעט שמשון'ען)

שמשון: צו וואס דארף מען דאס?

שמוגלין: אך! טאטע זיסער. א בוקעט, פונקט אקוראט ווי אין די ראמאנען. ביי איהם געהט עס אויך ווי אין א גע־שריבענעם בוך.

פוזיר: ווען מיין הערר שיקט א בוקעט, איז שוין נישט אומזיסט. ער לאזט נישט דורך איין שען ווייבעל. אה! איהר זאלט זעהען ווי ער פלאקערט א וועלט אין אדעססא. שטענדיג אבער אויף זיין גליק ווי עס איז נאר א שען מיידעל איז ער דא. און ווי עס איז נאר דא א שען ווייבעל איז דער מאן א שוטה מיט א'נ'אידיאט, הא הא הא! ער איז א גרויסער בריה צו פיהרן ביי דער נאז, ער הויבט אן מיט א בוקעט, מיט קוצוניו מוצוניו, און ענדיגט... זייט א חכם און טרעפט?

שמשון: זאגט איהם א דאנק. (אפארט) צום טייפעל מיט דיין קעציניו! (ווארפט דעם בוקעט אונטער דער קאנאפע)

שמוגלין: פאטער מיינער! א בוקעט אונטערען באנק! ער מאכט עס ווי א בעל מלאכה. דבורהלע א בוקעט! וואס זאגט איהר פארט צו איהם? א בוקעט! (האפט דעם בוקעט און לויפט אב)

שמשון: נו ווײַם נאָך? איהר דאַרפט עפּעס?

פוזיר: איך האָב געוואָלט, כאָטש, מיט איין אויגעל אויף איהר אַ קוק טהון. ער בערימהמט זיך עס איז אַ סחורה ווי גאָלד. ער זאָגט עס פערדריסט איהם גאָר נישט וואָס ער זיצט אין אייער שטעטיל. צו ליעב איהר, זאָגט ער, איז כדאי. און איהר מאַן, זאָגט ער, איז אַ גוטער גולם... אייגענטליך מיט וועהמען האָב איך די עהרע? ווער זײַט איהר אייגענטליך?

שמשון: אייגענטליך, וואָלט זיך מיר זעהר געגליסט איך צו געבען אין די ציין אַרײַן. איהר געהט בעסער. וואָרום אַז איך וועל בעז ווערען... אַ גוטען שבת (ער פיהרט איהם אַרויס) אַמאָל פלעגט מיר זײַן אַזוי שווער בעז צו ווערען! און יעצט, נאָר עפּעס, ווער איך שוין בעז. וואָס קאָן עס בעדײַטען?.. ער האָט דאָ געפלאַפּעלט נאַרישקייטען, און בײַ מיר האָט זיך שוין אָנגעצינדען דאָס בלוט (פערטראַכט זיך)

פיני: שמשון! שמשון! דו הערסט נישט? איך וועל דיר עפּעס דערצעהלען.

שמשון: פיני! דו וועסט מיר דערצעהלען אַ'נ'אַנדערעס מ,

פיני: שמשון! דו האָסט אַרויס געטריעבען טויבא מירקעס! דו מיינסט דײַן מיוחסת פערדינט עס? זיי רעדען בײדע אַ גאַנצען טאָג פון דעם אָדעסער קאַוואַליר. זיי פאַרקויפען דיך בײדע פאַר איין שמעק טאַבאַקע.

שמשון: לאָז מיך צו רוה. איך בעט דיך.

פיני: דײַן מיוחסת האָט ליעב... אָבער נישט דיך.

שמשון: אַ ליגענד! דו שלעכטער מענש, דו געמיינער ליגנער! דו ביסט קראַנק ווילסטו יעדען קראַנק מאַכען. דיר איז נישט ליעב דאָס לעבען ווילסט יעדען טייטען מיט דײַנע רייד. ליגנער! איך וועל דיך דערהרגענען! איך וועל דיך דערשטיקען! (וואַרפט איהם אונטער) זעהט! זעהט וואָס איך טהו!

אזוי בעז געווארען אויף אשוואכען, קראנקען מענשען.
(הערבט אים אויף) ניע אין מיין לעבען האט זיך מיר דאס געטראפען. אז איך ווייס נישט, וואס טהוען זיי אלע מיט מיר? וואס ווילען זיי האבען פון מיין לעבען? זיי א גוטער פיני, און פערציייהע מיר. איך ווייס נישט וואס עס קומט מיט מיר פאר. נאר אפשר ווער איך משוגע?

פיני: איך בין נישט בעז אויף דיר. ווילסט מיך דערהרגענען שמשון, הרגע מיך! איך האב דיך ליעב און זאג דיר די ווארהייט. ש.ש.ש. די מאדאם געהט אהער! א מיתה משונה אויף איהר! איך קען נישט קוקען אין איהר טרפה'נעם פנים (אב)

שמוגלין: (קומט אריין) טאטע זיסער! ער געהט שוין! ער געהט שוין אהער. איהר נעדענקט אייער ווארט?

שמשון: איך זאל נעמען דעם וועג? ניין! איך האב עס פארגעסען. איך בלייב דא.

שמוגלין: זעהר שען פון איך! שעהמען מעגט איהר אייך, אין אייער ווייטען האלז! דבורהלע! גיבער, מאמעליך מיינע! גיבער אהער, גיבער!

שמשון: וואס איז דאס גיבער? די ציגען האבען צייט צו קומען אויפן יריד.

שמוגלין: ציגען גאר? וואס פאר א שפראכע? וואס פאר א שפראכע טאטע מיינער! (פייוויל. דבורהלע מיט'ן בוקעט פון פערשידענע זייטען.)

פייוויל: (עס דונקעלט זיך) אך ווי געמיטליך דא איז. נעכטען האב איך דאס גאר נישט בעמערקט.

דבורהלע: איך האב די עהרע אייך פארצושטעלען מיין מאנן.

שמוגלין: (צו שמשון) זאגט: עס פרעהט מיך זעהר.

שמשון: אז עס וועט מיך פרעהען וועל איך זאגען: עס פרעהט מיך זעהר. ביי די געבילדעטע איז נישט קיין גוטע גע־וואהנהייט, פאר צו שטעלען באלד ווי א מענש קומט.

לאָז ער זיצען אַ ביסעל, און אַז איך וועל זעהן אַז ער געפעלט מיר וועל איך מיך מיט איהם אַליין בעקענען און עס וועט מיך פרעהען. (ער רעדט הויך און אונדייטליך)

**דבורהלע:** וואָס איז דאָס מיט איהם? ער רעדט אַזוי פרעך! ביטע מיין ליעבער גאַסט. נעמען זי פּלאַטץ. (פּיוויל זעצט זיך נעבען איהר)

**פּיוויל:** (שטיל) אייער געמאַל איז נישט איבעריג העפליך! (צו שמשונ'ן) מיר זענען מיט אייער פרוי שוין אַלטע גוטע פ ײַנד.

**שמשון:** דאָס איז אייער געשעפט.

**פּיוויל:** (צו זיך) און דער גראָבער מענש בעזיצט אַזאַ צאַרטען ענגעל! (צו דבורה) געפינט איהר נישט אַז דאָ איז זעהר לאַנג־ווײַליג?

**שמשון:** דאָס איז אייער געשעפט.

**שמוגלין:** מאַטע זיסער! ווי ער בלאַמאַזשירט אונז!

**דבורהלע:** (שטיל) איך קען נישט פערשטעהען וואָס איז דאָ מיט איהם היינט? הער וואָלאָבאָווסקי! איהר דאַרפט איך נישט בעליידיגען!

**פּיוויל:** (שטיל) בעליידיגען, פון וועהמען? נון און איהר, מאַדאַם יוזעפשטאָהל? זענט איהר שוין געוואָהנט מיט די פפליכטע פון אַ ווירטהין? איך זאָג די פפליכטע, און ווײַס אייגענט־ליך נישט וועלכע פליכטע עס האָט אַ ווירטהין.

**שמוגלין:** ווי קען אַ געבילדעטער קאַוואַליער וויסען וואָס עס דאַרף צו טהון אַ ווירטהין, אין אַזאַ הויז צווישען ניעדריגע מענשען?

**דבורהלע:** דעס אמת געזאָגט. איך האָב קיינע פפליכטע. איך טהו גאָר נישט. קיינער פאָדערט עס פון מיר.

**פּיוויל:** (ציפזענד) פפליכטע פון אַ פרוי! עס איז געוועזען אַמאָל אַ פינצטערע צײַט אין אונזער געמײַנשאַפטליכען לעבען, ווען די פרוי איז בעהאַנדעלט געוועהן אין געזעלשאַפט און

אין פאַמיליען־לעבען אַלס אַ שקלאַווין, אַלס אַ געשעפֿט, וועלכעס האָט נאָר פפליכטע אָבער קיינע רעכטע. אַצינד אָבער ווען די ענטוויקלונג פון דער מענשהייט מאַכט אַזאָלכע פאָרטשריטע, יעצט, הערשען שוין גאַנץ אַנדערע מיינונגען: פרייהייט! וואָס מעהר פרייהייט!.. ווי איז אייער מיינונג?

שמשון: מיין מיינונג איז, אַז איהר קענט רעדען...

דבורהלע: הערר אייזענשטאָהל גיט מיר רעכטע און קיינע פפליכטע (שטיל) ער איז געוועזען אַזוי אונפריינדליך! פער־צייהעט איהם!

פיוויל: (שטיל) נישט איהם פערצייהע איך, דיר, דיר קען איך אַלעס פערצייהען. הערר אייזענשטאָהל שיינט זעהר אַ גוטער מענש צו זיין.

שמשון: בין איך גוט אָדער שלעכט דאָס געהט קיינעם נישט אָן (צו זיך) וואָס רעדען זיי דאָרט אין דער שטיל?

דבורהלע: (בעז) דער בעזוך פון אַזאַ גאַסט איז אַ עהרע פאַר אונז, און איך האָב געמיינט הערר אייזענשטאָהל וועט זיין פריינדליכער (רייסט אויס אַ בלום און גיעט פיוולען)

שמשון: איך בין נישט קיין אַריסטאָקראַט.

פיוויל: קען דאָס מעגליך זיין? ניין! ווירקליך עס איז זעהר שוועהר צו בעמערקען (שטיל) דבורהלע איהר זעהט אַליין אַז איך קען דאָ לענגער נישט פערבלייבען. איהר מוזט קומען צו מיר. איך גלויב עס איז שוין צייט צו געהן (שטעהט אויף צו שמשונען) נישט אַזוי?...

שמשון: אַז איהר ווילט זיצען, טרייבט אייך קיינער נישט. און אַז איהר דאַרפט אַוועק געהן וועט אייך קיינער נישט צוריק האַלטען.

דבורהלע: אייערע געסט בעליידיגען מיך און איך טרייב זיי נישט. ווער זשע קען האָבען די רעכט דעם אינטעלעגענטען

עהרענס-ווירדיגען העררן, וועלכער איז דא מיין גאסט, ארויס צו טרייבען,

**שמשון:** איך האב ארויס געטריבען מיינע געסט, און די פאלג מיך און ווער פטור פון דיינע געסט. אהן געסט וועט זיין רוהיגער.

**דבורהלע:** (וויינט) אזוי האט מען אייך עמפפאנגען אין דיעזען הויז!

**פייוויל:** (שטיל) נישט צו איהם, צו דיר בין איך געקומען אלזוי אויפס-ווידערזעהן הערר אייזענקלאץ אדער הערר האלצמאן.

**שמשון:** רופט מיך ווי איהר ווילט. איך בין געוועהן און וועל בלייבען אייזענשטאהל. מיין ערגסטען שונא ווינש איך נישט ער זאל קומען דערצו איך זאל איהם דארפען איבערצייגען אז איך בין אייזענשטאהל!!!

**פייוויל:** עס פרעהט מיך זעהר (שטיל) דבורהלע פערגעס נישט. היינט! הערר אייזענבאך, פארדאן! אייזענ... (אב)

**דבורהלע:** היינט נאך, פייוועל. באלד (אב צו זיך אין צימער)

**שמוגלין:** אזוי קאמפרעמעטירען! אזוי בלאמאזשירען! וואס וועט פון אונז רעדען גאנץ אדעססע? מאמע זיסער! וואס דבורהלע שטעהט אויס!

**שמשון:** פאר אייך וועט זיין געזונטער און פאר מיר גלייכער אז איהר וועט מיך לאזען צו רוה. איך בין היינט משוגע געהט אוועק!

**שמוגלין:** אונזער משפחה! אונזער יחוס! אונזער בילדונג! אה נראבער יונגע!

(דבורהלע מיט 2 הימע אין דער האנד)

**דבורהלע:** (מיט טרערען) איך דאנק אייך זעהר!

**שמשון:** דבורהלע! ביזט בעז אויף מיר? אז איך זאל דיר קענען דערצעהלען, וואס דא טהוט זיך, ביי מיר אין הערצען, וואלסטו אפשר נישט בעז געוועהן. אבער דו ביסט דאך א קלוגע, ביסט דאך א געבילדעטע, דו דארפסט עלטן

פארשטעהן אז איך פיהל מיך יעצט אזוי נאריש. איך קען דיר אין דיינע אויגען נישט קוקען. ווי מען ווערט נאר בעז, ווערט מען באלד נאריש.

**דבורהלע:** זעהר גוט. איך בין צופריעדען. פאניע קום! (גיט איהר איין הוט)

**שמשון:** וואו אהין ווילט איהר דאס געהן?

**דבורהלע:** האסט מיך קיין מאל נישט געפרעגט, און דארפסט יעצט אויך נישט פרעגען!

**שמשון:** קיין מאל פרעג איך נישט און היינט וויל איך וויסען וואו אהין דו געהסט.

**דבורהלע:** דו דארפסט וויסען: מיר געהן צו וואלאכאווסקי מיט א וויזיט.

**שמשון:** צו איהם? איך וויל נישט זאלסט געהן צו איהם!

**שמוגלין:** ער וויל נישט הא הא הא! ווי געפעלט עס דיר? אזא גראבער יונג זאל זיך נעמען אזוי רעכט?

**שמשון:** מעגסט געהן וואו אהין דו ווילסט, נאר נישט צו איהם. ער געפעלט מיר נישט.

**דבורהלע:** א נייע פאנטאזיע! איך פרעג אייך נישט וואו אהין איהר געהט און דארף אייך קיין רעכענונג אבגעבען וואו אהין איך געה! קום...

**שמשון:** (שלעפט איהר צוריק) אז איך זאג דיר אז דו וועסט נישט געהן! וועסט דו נישט געהן!

**דבורהלע:** וואס איז דאס! אין מיין אונגליקליכער און שענדליכער לאגע האב איך מיר אמווייניגסטענס געטרייסט דאמיט אז איהר זענט א גוטער מענש. און צום סוף זעה איך אז דאס אויך נישט. איהר האט אייך נאר פערשטעלט! געשפיעלט א ראלע פון א גוטען. 2 יאהר געווען מאסקירט און יעצט ווייזט איהר אייך ארוים ווער איהר זענט? איהר ווילט מיט מיר האנדלען ווי אייער שוועסטער און אייערע פריינד האנדלען מיט מיר? ווילט איהר אפשר

איך זאל אייך זיין א דינסט? ווילט איהר איינפיהרען אז ווען איהר וועט א געשריי געבען: „נו!" זאל איך צו לויפען צו אייך מיט ארעטאך? ניין! מיט מיר וועט איהר עס נישט אויספירען. איך האב איהם פערשפראכען צו קומען, און איך געה צו איהם!

שמוגלין: וואס האב איך דיר געזאגט, דו וועסט זעהן אז ער וועט דיך שלאגען אויך. ביי א גראבען יונג איז אלעס מעגליך.

שמשון: וואס שלאגען? זעהט איהר, דאס מאדאם וועט איהר דוקא נישט דער לעבען. איך זאל זי שלאגען? דבורהלען? איך זאל אויף איהר הייבען מיין האנד!... איך בעט דיך בעליידיג מיך נישט אזוי! האלט מיך נישט פאר דעם ערגסטען גראבען מענשען! איך וויל נישט זיין קיין שלעכטער... נו איך פערשטעה: עס פאסט נישט. ער איז געוועזען מיט א וויזיט. נו געה, געה, דבורהלע! איהר געהט דאך ביידע... וואס בין איך משוגע? געווים! וואו אהין דו ווילסט געהן, קענסטו געהן. געה, געה דיר געזונטער הייט. (זיי געהן ראש) וואס דו געהסט טאקע? קום אהער! זעהסט דעם זייגער? יעצט איז האלב פינף! אין א האלבע שעה ארום זאלסטו זיין דא אויף דעם זעלבען

געדענק וואס איך זאג דיר! ווען איך שווייג, שווייג איך, אבער ווען איך ווער בעז, ווען מיין בלוט צוקאכט זיך און מיינע ציינער זיך אן אין מיר, דאן דבורהלע, חלילה! קען זיך א'נ'אונגליק טרעפען!... נו, נו. געה. געה, און פערגעס נישט וואס שמשון אייזענשטאהל רעדט.... 30 מינוט! (ער רייסט דעם טיש) ווארום די 30 מינוט וואס דו וועסט דארט זיין, וועל איך 30 מאל משוגע ווערען, 30 מאל שטארבען (צו ברעכט דעם טיש, זיי בלייבען שטעהן ערשראקען ביי דער טהיר) דו געהסט!

פארהאנג.

ענדע 2 אקט

# דריטער אקט.

(דאס זעלבע צימער ביי סטאראליע און אבסניה. פוזיר ליגט אויף דער קאנאפע. אליקום זיצט נעבען איהם. וועהענד דער פארהאנג געהט אויף לאכען ביידע שטארק)

פוזיר: זאגט נישט קיין ליגענד. מאצעפורא! דו האסט אליין געזעהן? הא הא הא!

אליקום: הא הא הא! איך זאל אזוי דער־לעבען נחת פון מיינע פינף בת יחידה'ס און פיער בן יחיד'ס! הא הא הא. ער איז געפאלען כורעים צו איהרע פיס, האט געמאכט פוילע שטיק. האט געקושט די קנעפלעך פון איהרע שטיפלעטען... אוי איז דאס א פריץ, א גנב, א נ'אדורך געטריבענער יונג, א גרויסער בקי אין די דאזיגע געשעפטלעך... אבער נו, וואס האב איך דערפון?

פוזיר: גראבער יונג דו! מיר זיצען שוין דא א נ'איבעריגע וואך נאר צו ליעב איהר. פון אנפאנג פלעגט איהם דיין פימסינע בעטט אלע נאכט מאכען קאלאמיטנע אויפ'ן הערצען. און יעצט בייסט שוין נישט...

אליקום: אזוי עס בייסט נישט, און עס קראצט נישט, הא הא הא מן הסתמא איז כדאי... שא! ער געהט אהער, העב אויף דיין זעקעל ביינער פון דער קאנאפע. (פייוויל קומט אריין)

אליקום: פאניע, יאסנע וויעלמאזשנע, דאברי דזשיען! (נייגט זיך)

פייוויל: סטאראליע און פוזיר, הערט מיך אויס! הערט מיך גיס, זאלאטאפאליער חכמים! ניין! ערענסט גערעדט: סטאראליע וויל צעהן רובעל עהרליך פערדינען?

אליקום: א צעהנעריל, אוי טאטע פאטער! מיט די אויגען! וואס הייסט א שאלה פערדינען? פרנסה!

**פייוויל:** דאָ האָסטו 10 רובעל. און איך פאָדער פון דיר נאָר איין זאַך: דו דאַרפסט זיין בלינד, טויב און שטום, פערשטאַנען?

**פּוזיר:** פאַר 10 רובל אַזאַ קלייניגקייט? נאָר שטום בלינד און טויב ווערען. סטאָדאָליע! דו האַנדעלסט אַ מציאה.

**אליקום:** וויל דער פּריץ איך זאָל זיין בלינד, טויב און שטום?.. בכבוד גדול. וואָס אַרט מיך? וואָס דאַרף איך מיך מישען אין פרעמדע זאַכען?

**פייוויל:** סטאָדאָליע! דו ביסט אַ געשיקטער קערעל! איך בין מיט דיר צופרידען. נו, פּוזיר. דיר איז געווים לאַנגווייליג אָהן טראַקטירען, אָהן בילאַרד? האָב געדולט, דו וועסט דאָך אין דיעזע אַנגעלעגענהייטען בין איך אַ שוואַכער מענש. „גרויסע מענשען האָבען גרויסע שוועכע" — דאָס האָט, דאַכט זיך געזאָגט אַריסטאָטלעס? ווי מיינסטו סטאָדאָליע?

**אליקום:** פאַניע וואָס אַרט מיך? זאָל זיין ווער עס וויל.

**פּוזיר:** ער איז אַליין אַ גוטער רעסטאָראַטאָר, קיין עין הרע! איך ווער דאָ געשוואָלען פאַר הונגער! פרעגט מען איהם האָט ער אַלעס; אַ געבראָטענע קאַטשקע, מיליכדיגע בלינצעס, געפילטע פיש... הייסט זשע איהר אָבער ברענגען: איז די קאַטשקע אַוועק געפלויגען, די פיש אַוועק געשווימען, און דו בלינצעס? די בהמה האָט זיך נישט געקעלבט.

**אליקום:** אוי פּוזיר! זענט איהר אַ מזיק! נישט געדאַכט זאָלט איהר ווערען. האַ האַ האַ! ער איז אַזאַ גנב אַז איך קלער אָפּט: איז ער נישט אַ יוד?

**פייוויל:** פּוזיר נאַ דיר געלד. גע׳ה און קויף דיר סערדינען, קעז, לעבער, וואָרשט, קאָנפעקטען, וואָס נאָר דיין האַרץ גלוסט. איך בין גליקליך! איך וויל אַלע זאָלען צופרידען זיין. אוי מיין טהייערער פּוזיר, איך פיהל מיך אַזוי גוט

איך וויל דיך אַרום נעמען .. האַ האַ האַ (נעמט איהם אַרום)
קויף! עס, טרינק. איך דענק יעצט זעהר ווענינ פון דיזע
נאַרישקייטען. איך בין פול מיט ענטהוזיאַזמוס, עקסטאַז...
פּאָעזיע, בעגייסטערונ: עה! וואָס פערשטעהסטו פּוזיר
אין פּאָעזיע און וואָס ווייסט סטאָדאָליע פון בעגייסטערונג
(רעקלאַמירט) „עס לייכטען די שטערן אין הימעל דען בלויען.
עס שיינט פול דער מאָנד, שפּעט אין דער נאַכט ... (אָב)

אליקום: ער מאַכט גוט די קאָמעדיע, און איז אַ שעהנער יונג!
אפשר ווען איך זאָל זיין אַ ווייבעלע וואָלט איך אויך נישט
געקענט גובר זיין דעם יצר־הרע. וואָס האָט ער געזאָגט?

פּוזיר: דאָס איז אַ מאַצאַפּורע! עס איז דאָך פּאָעזיע. ער איז
טאַקי אַ פּנים אויף דער אמת'ן פערחלאַפּעט ביז איבער די
אויערען. פּאָעזיע... אָבער, יאָ, אַ הערינג, מיט אַ
ציבעלקעלע, מיט אַ מאַסלינקעלע, מיט אַ שנעפּסעלע,
איז אויך נישט קיין שלעכטע פּאָעזיע. איין מאָנאָמענט
בין איך דאָ מיט אלע 7 זאַכען (רעקלאַמירט) און עס
לייכטען די הימלען אין בלויען דעם שטערען (אָב)

אליקום: (בעטראַכט דאָס געלט) עס איז טאַקע אמתע, כשרה,
ליעבע, צעהן רובעל כסף. האַ האַ האַ! שמחה הירש זאָל
דאָס דערזעהן וואָלטען איהם די אויגען אַרויס געקראָכען.
אויך מיר אַ נ'אַכבניה ביי חזיריקען? (טויבאָ מירקאָ קומט אַריין)

טויבא מירקע: ר' אליקום זייטזשע מוחל!

אליקום: (צו זיך) אַהאַ! פון איהר משפחה. נישטאָ קיין ר' אליקום
און נישטאָ קיין זייטשע מוחל... אוים...

טויבא: זייט אַזוי גוט און קומט אַ הער.

אליקום: איך בין בלינד!

טויבא: האַ? ר' אליקום זאָגט מיר, איך בעט אייך...

אליקום: איך בין שטום!

טויבא: דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט פרעגען, לאַנג לעבען
זאָלט איהר, זאָגט מיר, איך בעט אייך, איז טאַקע

אמת? אונזערע געהט אהער? די חצופה די מיוחסת אויסגע-
ריסען זאל זי ווערען! הא איהר הערט וואס איך זאג אייך?

**אליקום:** איך בין טויב!

**טויבא:** ר' קרוב זייט איהר נישט משוגע געווארען אויף דער עלטער?

**אליקום:** אז מען וועט מיר בעצאהלען איך זאל משוגע ווערען
וועל איך זיין משוגע. עס איז פרנסה, און מען האט א
פלוניתטע א משולחת, מיט 9 ממזרימלעך זאלען זיי גע-
זונד זיין, דארף מען נישט זיין קיין חכם.

**טויבא:** יא, אבער זאגען מעגט איהר דאך.

**אליקום:** איך בין שטום.

**טויבא:** שטום? וואס מיר האט זיך געחלומט די נאכט און
יענע נאכט זאל אויס געהן צו דיין קאפף און צו דיינע
הענד און פיס און לייב און לעבען, טפוי! (קלאפט מיט
דער טהיר און לויפט אב)

**אליקום:** מעגסט קלאפען מיט'ן קאפף אין וואנד. דאס צעהנעריל
איז ביי מיר אין קעשענע רב פייוויל! הם... איך בין
שוין געוועהן אהן לשון, אהן א ראיה און אהן א שמועה.

**פייוויל:** ווער האט דא געשריען? דאס מאכט מיך נאך מעהר
נערוועז!

**אליקום:** ווייס איך וואס? עס איז פון דער משפחה, הערט זי
אין דער פיאטע!

**פייוויל:** סטאדאליע! געה גיעב אכט. איך ערווארטע פון
מינוט אויף מינוט... איך האב פיינד סקאנדאלען און זיי
זענען גראבע און אונגעבילדעטע מענשען.

**אליקום:** עס איז טאקע זעהר שוועהר צו האנדלען מיט אונ-
געבילדיטע מענשען (אב)

**פייוויל:** דיזער ראמאן קאסט מיך פיהל מיה און צייט. אבער
עס איז אינטערעסאנט. איך בין יונג און ווי זאגט אונזער פאעט:
די יוגענד, די יוגענד זי האט איהרע רעכטע. יא איך בין
יונג. איך וויל געניסען פון דעם לעבען. וואס די נאטור

גיעט דער יוגענד. די צייט קאכט מיך נישט טהייער, און דאס איז דאך פראקטיש, ערנסט. איז דען דאס וואס איך פיהל דא: מיין אויפרעגונג, מיין ערוואכטונג, נישט די ארט אונד ווייזע מיט וועלכע איך געה צו מיין ציעל? איז דען דאס אלעס נישט די בעסטע פראקטיק אים לעבען? איז דאס נישט די בעסטע שוהלע צו לערנען געפיהל? איך פערליר דא נישט די צייט אומזיסט. איך שטודיר די מענשהייט. א גרויסער דענקער האט געזאגט: „לעבען הייסט שטודירען”. איך שטודיר! (דבורהלע קומט אריין) דבורהלע! אה טהייערע! מיט אונגעדולד!.. ער־ווארטע איך דיך! ביסט אליין דא?

**דבורהלע:** ניין מיין שוועסטער איז ביי סטאדאליעס פרוי. מיר האבען זיך אויף איין אויגען בליק ארויס געגנבעט. אה ווי מיין הערץ פלאטערט און ציטערט אין מיר.

**פייוויל:** זעץ דיך דבורהלע און בערוהיג דיך. איז דען דאס נישט דאס גרעסטע גליק? די בעסטע פריידע, ווען 2 ליעבענדע קענען זיך ערווייטערען פון דער גאנצער וועלט און בלייבען צוזאמען? איז דען דאס נישט א גליק ווען אונז געלונגט אוועק גנבענען ביי דעם קארגען, גרויזאמען שיקזאל איין מאמענט? ווען מיר קענען פערגעסען די ביטערע ווירקליכקייט (נעמט איהרע האנד) ביסטו דען נישט גליקליך ווען דו ביסט מיט מיר אליין?

**דבורהלע:** איך וויים נישט. יעדערען גיעט די נאטור גליק, מיר דאגעגען האט זי געגעבען נאר אשארפען גיפטיגען וועטהוג! איז דאס פון ליעבע אדער קראנקהייט? פייוויל! ווען דו רעדסט צו מיר, צינדסטו אן אין מיין הערצען א פייער פון ליידענשאפט. אבער ווען איך בלייב אליין, קרענקען מיך פערשידענע געדאנקען. איך פער־שטעה נישט: ליעב איך דיך? פארוואס זשע שרעקט מיר דיזע ליעבע? ליבסטו מיך? ווארום איז אין דיין

ליעבע אזוי ווענינ פריינדשאפט? ווען דו רעדסט פון דיינע געפיהלע קלינגט דיין שטימע מעכטיג און זיס, אבער ווען דו רעדסט פון מיין אונגליקליכער לאגע ווייזט זיך מיר אויס, אז דיין שטימע קלינגט אזוי פרעמד און קאלט...

פיוויל: עס ווייזט זיך דיר דאפיר אזוי אויס, ווייל דו ביזט נערוועז און אונרוהיג. ווייל דיין אונגליקליכע לאגע צווינגט דיך מעהר דענקען פון זיך ווי פון אונזער ליעבע. דבורהלע! ליעבע ווייסט נישט פון דענקען. זי ווייסט נאר פון פיהלען. דענק נישט פיעל וועט דיר נישט זיין אזוי שווער.

דבורהלע: יא, מיר איז זעהר שווער! איך בין אונגליקליך! דו ווייסט? צייט איך בין ביי דיר געוועהן דאס לעצטע מאהל, עס איז שוין היינט דער פינפטער טאג, רעדט ער נישט צו מיר. ער האט מיך געהייסען קומען אין 30 מינוט ארום און איך האב געמיינט עס איז נישט אזוי וויכטיג. ווען איך בין געקומען איז ער געווארען בלאס, האט זיך אווארף געטהון צו מיר ווי א וואלף, האט זיך אבער באלד בעהערשט, האט פערדעקט זיין געזיכט און ארויס געלאפען פון שטוב און האט געשוויגען. מיין שוועסטער זאגט: אז ער האט געוויינט. איך האב איהם טאקע נישט ליעב אבער מיר טהוט וועה דאס הערץ אויף איהם קוקענדיג. און דאס וואס ער שווייגט איז מיר אזוי שווער איבער צו טראגען! ער זאל מיך בעליידיגען, וואלט מיר פיעל גרינגער געווארען. (זי פערטראכט זיך) הער! ווי א פרעמדע, צווישען שונאים, בין איך דארט אין הויז. אחוץ דעם בלינדען זיידען האב איך נישט מיט וועמען א ווארט אויס-צורעדען. איך וואלט געפאדען מיט מיין קראנקען קאפף צו זיינע פיס און אויס וויינען פאר איהם מיין ביטער הערץ. (זי וויינט)

פיוויל: דו פיהלסט זיך שווער, ווייל דיר שרעקען די נארישע

מײַנונגען פון דער געזעלשאַפט. ווײַל דו צווײַפעלסט און האָסט קײן בעשלאָסענהײט פיר דײַן גליק, פאַר דײַן פרײַהײַט צו קעמפפען! אין אונזער צײַט זאָל אַ פרוי זײַן אַזוי פערשקלאַפט און אונטערדריקט? דבורהלע! ליעבסטו מיך, דאַן דענק נישט, רעכען נישט. געה, געה אַהין וואוהין דײַן הערץ און דײַנע געפיהלע ציהען דיך. קום מיט מיר טהײַערע! (אומאַרמט זי) קום מיט מיר אויב דו ליעבסט מיך!

**דבורהלע:** יאָ, איך ליעב דיך! אָבער ליעבסטו אויך מיך?! אויב דו ליעבסט מיך נישט, מאַך מיך נישט אונגליקליך! כאָדערע פון מיר קײן אָפפער. ערלויב מיר צו בלײַבען רײַן און אונשולדיג! איך זאָל מיך נישט דאַרפען שעהמען פאַר זיך אַלײן!

**פײַוויל:** קינד! דו ביזט נאַיוו! די מאַכסט מיך וואַהנזיניג (קושט זי) אין דער ליעבע איזט אַלעס רײַן און אונשולדיג. די ליעבע פאָדערט קײנע אָפפער און אפפערט מיט אַלעם!..

**דבורהלע:** ווי איך זעה איז גאָר נישטאָ קײן גליק און קײן פרײד אויף דער וועלט. אַנשטאַט צו פיהלען זיך יעצט גליקליך גלוסט זיך מיר צו ווײַנען (ערשטיקט די טרערען) אָה.. מײַן הערץ! וואָס... איז דאָס מיט מײַן הערץ.

**פײַוויל:** אָה! מײַן גאָט! זעה אַ העלטעלע, מען קען פון זינען אַראָב...

**דבורהלע:** שש.. לאָז מיך דענקען אַז דיזער טרוים איזט אַ ווירקליכקײט. לאָז מיך דענקען, אַז דיזער הײסער געטראַנק האָט אין זיך קײן גיפט. לאָז מיר גלויבען אַז ווען דיזער גליקליכער אויגענבליק וועט אַוועק, וועלען נישט קומען קײן ביטערע טרערען און שמערצען!

(פויזע)

**פוזיר:** טראַלאַלאַ..! האַ, גוט געטראָפען. נישט קשה. שעהמט איך נישט! איך בין אַ'נ'אײגענער מענש.

דבורהלע: (כאפט זיך אויף) פוי, איך ברען פאר שאנדע! איך ברען פאר שאנדע! איך פיהל מיך אזוי מיאוס. אזוי עקעלהאפט נישט שען איך געה אהיים. איך קען דא נישט בלייבען מעהר. וואו איז מיין שוועסטער? פאניע קום אהיים (ער וויל זי צוריק האלטען) לאז מיך! בעריהר מיך נישט! (אב)

פיוויל: וואוהין? וואוהין? (צו פוזיר'ן) באלוואן! עזעלם קאפ! (לויפט נאך דבורה'ן) עה איין ווארט! נא זאג מיר... (אב נאך איהר)

פוזיר: (ציהט מיט די אקסלען) עה! נו! סטאראליע! אליקום! נאך אפאר טראפען ר' אליקום! (אב)

## פערוואנדלונג.

(ביי אייזענשטאהל אין דער היים)

שמוגלין: (ביים שפיגעל) אוי טאטע זיסער! עס איז א וועלט מיט צרות! וואס טויג יחוס, וואס העלפט בעליידיגונג מ'שטיינס-געזאגט? און וואס קומט שוין ארוים פון שענהייט? (קוקט אין שפיגעל פיני קומט אריין) יא איך בין נאך אויך נישט קשה, מיט א יונג הערץ ווערד מען נישט אלט...

פיני: איהר האט בעדארפט אין קבר קוקען און קוקט נאך אלץ אין שפיגעל. א פנים עס איז א גרינגע ארבייט...

שמוגלין: ער האט נאר צו טהון מיט דעם קבר, מיטן מלאך-המות, מיט קרענק, מיט ארבייט. א פרעהליכער קאוואליר!

פיני: עס איז דא פון וואס פרעהליך צו זיין? אוי א מיתה... פאר וואס גרייט איהר נישט צום טיש? עס איז נאך נישט צייט שמשון זאל ווארעמעס עסען?

שמוגלין: טאטע זיסער! מען ווייסט אהן דיר, דו פערשלעפטע קרענק!

פיני: אז מען וועט איהם נישט רופען עסען וועט ער א גאנצען טאג שטעהן און ארבייטען.

**שמוגלין:** זאָל ער זיך נישט בלאָזען און נישט שפּיעלען זיך אין ברוגז'לעך. אַ גראָבער יונג נישט מעהר ווי אַ בעל מלאכה, און נעמט זיך איבער ווי עפּעס רעכטס!.. ער איז נאָך ברוגז!

**פיני:** אַ בעל מלאכה איז אַ שאַנדע, און עסען פרעמד ברויט איז אַ יחוס? פון איהם גיסט דאָרטען דער שווייס, און איהרביידע טאַנצט דאָ ארום ביים שפּיגעל. אוי אַ מהומה זאָל קומען צו אַלע וואָס האָבען פיינד צו ארבייטען, און געהן ארום פּוסט און פּאַסט. איך געה איהם רופען עסען! ווערעם זאָלען שוין איך עסען! (אָב)

**שמוגלין:** אַ געבילדעטע משפּחה, טאַטע זיסער! וואו אהין משה זלאָטאָפּאָליערם טעכטער זענען אריינגעפאַלען! (דבורהלע קומט אריין) קוקט זי נאָר אָן! דער ליבלונג געי־עהן פון דער גאַנצער משפּחה, דאָס פערצויגענע מוזיניקעל, די מיוחסת, אויף די הענד האָט מען זי געטראָגען, אַ האַנד אין קאַלט וואַסער האָט מען איהר נישט ערלויבט איינצו־טונקען, און יעצט וואָס פון איהר איז געוואָרען! וואָס לאָסטו דיך אָב? וואָס געהסטו ארום ווי אַ געשמיסענע? טרינק טעה, עס עפּעס דו האָסט דאָך נאָך היינט אין דיין מויל נישט געהאַט!

**דבורהלע:** איך וויל נישט עסען, איך וויל נישט טרינקען, איך וויל נישט לעבען! עהדער אזא לעבען איז שוין בעסער דער טויט!

**שמוגלין:** שטאַרבען גאַר, דאָס איז אַ חכמה פון אַ געבילדעטע דאַמע. וואָס איז? קאַרג שונאים זענען דאָ? זאָלען זיי שטאַרבען.

**דבורהלע:** וואָס פאַר אַ לעבען? זיין משפּחה ברומען אין דער שטיל ווי ניפּטיגע שלאַנגען. ער געהט ארום ווי אַ שוואַרצער וואָלקען און שוויינט. ער איז שטום. איך געפין מיך אין אַ פינסטערען קבר און לעב נאָך...

שמוגלין: וואס זשע ציטערסט דו אזוי? ניש קשה ער וועט זיך איבערבעטען, דו קענסט נישט די מאנסבילען: מאכען זיך הארץ, און ווען עס געהט זיי איבער דאס משוגעת ליגען זיי ביי די פיס ווי די הונד. דבורהלע! דו האסט קיין שכל נישט צו לעבען. אז מען האט שכל איז דער מאנן גוט, כאטש לעג איהם צו א מכה צו און מען סמאלעט א וועלט... טאטע זיסער! וואס זשע? פייוועל געפעלט דיר נישט? אזא קאוואליר. אזא יונג. וואס זשע, דו ליעבסט איהם נישט?

דבורהלע: איך וויים נישט. (שמוגלין לאכט) לאך נישט איך וועל דיר די ווארהייט דערצעהלען: ווען אייזענשטאהל קושט מיך בלייב איך רוהיג און גלייכגילטיג און ווען ער קוקט נאר אויף מיר ציגנד זיך אין מיר אן מיין בלוט און דאס הארץ ציטערט, און דאך וויים איך נישט אויב דאס איז ליעבע? ווען איך זעה איהם ציהט מיך צו איהם ווי א מאגנעט, אבער ווען איך בין מיט איהם, פיהל איך א שווערען שטיין אויפן הערצען! ניין! א פנים עס איז נישט קיין ליעבע, עס איז א מיאוס-געפיהל!

שמוגלין: אט דאס איז דאך ליעבע. נארר! וואס האסטו גע-מיינט? ליעבע מאכט פון מענשען מלאכים? פונקט אקוראט פערקעהרט... דאס איז ליעבע! וואס דען מיינסטו, א גראבער יונג קען ליעבען?

דבורהלע: ער געהט ארום שווארץ ווי די ערד. מיינסטו מיר טהוט נישט וועה דאס הארץ אויף איהם קוקענדיג!

שמוגלין: בעט דיך איבער מיט איהם. זיי צו איהם פריינד-ליבער, וועסטו זיין פרייער. מאך דיך גוט צו איהם, וועסטו קענען טהון וואס דו וועסט וועלען.

דבורהלע: איך קען נישט זיין פריינדליבער. איך קען מיך נישט מאכען גוט. עס איז שוין באלד א וואך אז ער רעדט צו מיר נישט, ווי זאל איך מיט איהם רעדען.

**שמואגלין:** ביסט א נארר בעט דעם זיידען וועט ער צווישען אייך שלום מאכען. שא! א פלאן: וואו איז דאס מאלאָרוסישע העמד וואס דו האסט לאנג שוין, פאר איהם, אנגעהויבען אויסצונעהען? א שענער מוסטער. א פערגעניגען. געוואלד טאטע זיסער! (אב)

**דבורהלע:** וואס וויל זי פון מיר? וואס ווילען זיי אלע פון מיר (פויזע) ווי קען איך עס וויסען ווען איך ווייס נישט וואס איך אליין וויל פון מיר? די געפעהרליכסטע קראנקהייט אז מען איז אינגאנצען צוועהטוגט און מען ווייסט נישט וואס עס טהוט וועה. די שרעקליכסטע אונצופרידענהייט איז אז מען איז אונצופרידען מיטען לעבען, און מען ווייסט נישט וואס עס פעהלט.

**שמואגלין:** (ברענגט ארײן דאס העמד) נעם, זעץ דיך נעהען. וואס ארט דיך. פערלאז דיך אויף מיר. שא! זיי געהען. מאך א שוויינ, דו הערסט... (פיני און דער זיידע קומען ארײן)

**פיני:** זעץ דיך זיידע, שמשון וועט באלד קומען. ער האט נאך קיין צייט נישט! אנדערע האבען צייט צו פרעסען! ער נעבעך האט קיין צייט נישט!

**זיידע:** וואס זיצען די ווייבער אזוי שטיל? אמאל אין מיינע צייטען האט מען טאקע זעהר אפט געפלוידערט און גע-שריען, מען האט דעם רוח ארויס געטריבען, האט מען ווייטער געלעבט ווי מענשען. היינט טרייבט מען נישט ארויס דעם רוח, א יעדערער טראגט איהם ביי זיך אין הערצען אין דער שטיל...

**שמואגלין:** אז דער בעל הבית פון שטוב איז בעז פאלט אויף יעדען א מרה שחורה. זיידע! פאר וואס זאלט איהר זיך נישט ארײן מישען און מאכען שלום צווישען זיי?

**זיידע:** צווישען מאן און ווייב דארף זיך קיינער נישט מישען, אט די גוטע-פריינד וואס מישען זיך מאכען אן אלע צרות!..

שמוגלין: איהר זענט אַ'נ'עלטערער מענש, איהר דאַרפט עס נישט דערלאָזען.

פיני: שלום דאַרפען זיי, זיי זאָלען בעסער קענען ביי דער נאָז פיהרען. אוי קומט זיי אַ שלום־עליכם!..

זיידע: וואָס רעדסטו קראַנקער האָהן? דו פערשטעהסט דען וויפיל אומגליקען עס קומען אַרויס דערפון וואָס צווישען מאַנן און ווייב איז קיין שלום נישטאָ! (צו שמוגלין) דו זאָגסט! פאַר וואָס הער איך נישט אַז דבורהלע זאָל עפּעס זאָגען? קום נאָר אַהער! (שמוגלין שטויסט צו דבורהלען) קינד דו ווילסט זיך איבער בעטען מיט איהם? מיט דעם גוטען רוצח? האַ האַ האַ! דאָס טייבעלע בענקט נאָך איהר סאַמיץ! איך וויים, איך ווייס, איך בין אַליין אַ מאָל יונג געוועזען. וואָס זשע שווייגסטו דבורהלע?

דבורהלע: וואָס זאָל איך זאָגען? מיר איז אַזוי שווער צו רעדען, זיידעניו! אַפילו צו לעבען איז מיר שווער.

זיידע: נאַראָלע דו, אַז מען וויל זיך איבער־בעטען מיט'ן גאַנצען הערצען דאַרף מען נישט דער צו קיין מעקלער און קיין רודף שלום. מען געהט צו פשוט, מען נעמט אַרום שטאַרק, שטאַרק!... און... עה! אין אונזערע צייטען איז גאָר אַנדערש געוועהן (עס הערט זיך טריט) אָבער שאַ.. דאַכט זיך זיינע טריט (דבורהלע זעצט זיך צוריק, שמוגלין גיעט איהר דאָס העמד און דער לאַנגט צום טיש שמשון קומט אַריין. וואַשט זיך די הענד געהט צו צום אַלטען).

שמשון: איך האָב אַביסעל פערשפעטיגט, האָב קיין פעראיבעל נישט זיידע! דער פאַר וועט שוין היינט ביי פינין אויך זיין אַפּעטיט. אַט איז וואַסער זעץ דיך צום טיש זיידעניו. (פיהרט איהם צום טיש. די מענער זעצען זיך. שמוגלין דער לאַנגט אין אַ וואַזע זופּ. שמשון גיסט אָן דעם זיידען און עסט — צו שמוגלין) מאַדאַם! פרעגט זי פאַר וואָס געהט זי נישט צום טיש?

**דבורהלע:** זאָג איהם דאָ איז מיר אויך גוט.

**שמשון:** (צו שמוגלין) וואָס זשע, זי האָט שוין געגעסען?

**דבורהלע:** זאָג איהם איך בין שוין זאַט.

**שמוגלין:** יאָ. טאטע זיסער! מען קען דאָ זאַט ווערען אָהן עסען.

**שמשון:** נו פיני פאר וואָס עסטו נישט?

**פיני:** (רוקט אוועק דעם טעלער בעז) איך קען נישט עסען. עס שמעקט מיט רויך!

**שמוגלין:** מיט רויך גאר, וואָס זאָגט איהר פאָרט?

**שמשון:** ש,ש! (ברינגט מילך) עס איז דאָ אַ גלאָז מילך? איהר דאַרפט אויף איהם קיין פעראיבעל נישט האָבען. ער איז אַ קראַנקער. אז מען איז געזונד, ווי איך, און מען ארבייט זיך אָהן שמעקט יעדער זאַך גוט. עסט.

**זיידע:** ווי איך הער ארבייטסטו שוין אויך נישט ווי אמאָל, מיט דיינע באַקען־ביינער און מיט'ן לעפעל. (בענטש).

**שמשון:** (פערטראכט) מאדאם! פרעגט זי: וואו זענען די פאפירען וואָס איך האָב איהר געגעבען צו בעהאַלטען? איך דאַרף באלד נאָכ'ן עסען געהן נאָך נאָוואָמירגראד, צום פאָלקאָווניק.

**דבורהלע:** זאָג איהם: די פאפירען זענען ביי מיר אין קאָמאָד, איך וועל זיי באלד ברינגען. (לעגט אוועק די ארבייט און געהט אָב)

**שמוגלין:** אזוי ווי אַ אָרעם שעפסעלע בלאָנדזעט זי אַרום דאָ אין שטוב.

**פיני:** זי בלאָנדזעט ארום אפשר ערגיץ וואו... אָבער נישט דאָ אין שטוב.

**זיידע:** יאָ, ווי אַ פרעמדע נעבעך בלאָנדזעט זי דאָ ארום. דאָס איז דיין שולד שמשון!

**שמשון:** זי איז נישט קיין פרעמדע. זי איז דאָ בעל־הביתטע פון הויז.

זיידע: וואָס דאַרף זי דיין בעל הבתי'שקייט, אַז דאָס לעבען איז איהר נישט ניחא? פאַר וואָס זאָלסטו זי פּלאָגען? זי איז אַ יונג קינד.

שמשון: איך? זיידעניו! וואָס רעדסטו? עס איז פערקעהרט!

זיידע: וואָס פערקעהרט? דו דאַרפסט דאָך מעהר שכל האָבען, דו שפּילסט זיך אין ברוגזלעך און איהר האַרץ איז צו וועהטוגט. זי קען דיר נישט זאָגען, אָבער איך ווייס: זי וויל זיך מיט דיר איבער־בעטען, און דו בלאָזט זיך ווי אַ'נ'אינדיק.

שמשון: זי וויל זיך איבער־בעטען? ניין, ניין, זיידעניו! עס האָט זיך דיר אויסגעוויזען.

זיידע: אויסגעוויזען? שוטה דו! זי האָט דאָך עס מיר געבעטען.

שמשון: דו זאָגסט אַ ליגען. ניין, זיידעניו! האָב קיין פעראיבעל נישט, איך האָב געוואָלט זאָגען: עס קען נישט זיין, זי האָט מיך גאָר נישט אין זינען! ווייס איך וואָס דו רעדסט.

שמוגלין: אַזוי? און וועמען נעהט זי דאָס העמד? פאַרוועמען העפּט זי דאָס אויס אַזוי זיס? זעהסט? עס לעבט דאָך יעדעס קוועטעלע.

שמשון: פאַר מיר איז דאָס? וואָס ווילט איר מיר איינרעדען? וועה איז מיר, זי געהט אַהער. זיידעניו, אויף מיין וואָרט איך וועל מורא האָבען איהר אַ קוק טהון אין פּנים. (ער בלייבט ווי ערשראָקען)

זיידע: האָסט מורא? נאַרר! לייען קריאַת־שמע... (דבורהלע קומט אַריין מיט די פּאַפּירען) מורא גאָר?..

שמשון: הער אויף, זיידע! הער אויף רעדען. (ער שטעהט צומישט)

דבורהלע: (צו שמוגלין) נעם ניעב איהם די פּאַפּירען,

פּיני: מעגסט איהם שוין אַליין געבען די פּאַפּירען, ער וויל זיך

דאָך מיט דיר איבערבעטען. וואָס דען, איך האָב עס דען פריהער נישט געוואוסט? קוק איהם נאָר אָן ווי ער קוועלט. צו שמשון׳ן) פאַל איהר צו די פיס בעט איהר מחילה...

**זיידע:** קום, קום משוגע׳נער! פיר מיך צום טויער, וואָס אַרט דיך אַז ער קוועלט. קום! ביסט אַליין אַ גוטע מחילה. דו פערדינענסט אַ תקיעת־כף אין באַק אַריין. (פינגי פיהרט דעם זיידען) שמשון הגבור! לייען קריאת־שמע!.. עה! נאַרישע קינדער! (ביידע אָב)

**שמשון:** (שוויינט לאַנג) דאָס... דאָס איז ווירקליך פאַר מיר?

**שמוגלין:** געוויס! וואָס פרעגט איהר קשיות, לאָמיך אַרויס טראָגען דאָס געפעס. אוי טאַטע זיסער! (אָב)

**שמשון:** איהר זענט נישט בעז אויף מיר? דער זיידע זאָגט: אייך איז געוועהן שווער. אוי! און איך האָב געמיינט אייך אַרט גאָר נישט...

**דבורהלע:** געוויס איז מיר געוועזן שווער. וואָס מיינט איהר עס איז גרינג איבער צוטראָגען!

**שמשון:** שלעכטע! פאַר וואָס האָט איהר אַזוי לאַנג געוואַרט? דבורהלע! אַך ווי גליקליך איך בין, ווען איך ווייס אַז דיר איז אויך געוועהן שווער. הע! און איך האָב געמיינט אייך אַרט גאָר נישט... און ווי איך בין געוועהן משוגע, איהר זאָלט געוועהן אַליין צו מיר צו געהן און זאָגען מיר איין וואָרט... איך וואָלט דאַכט זיך... איך וואָלט נאָך מעהר משוגע געוואָרען. דו! שטעה נישט געבען מיר אַזוי נאָהנט. וואָרין עס ציהט מיך דיך אַזוי אַחאַפּ טהון אַ ברעך טהון...

**דבורהלע:** איך האָב נישט געוואוסט אַז איהר קענט אויך זיין אַ שלעכטער...

**שמשון:** איך האָב נישט געוואוסט אַז דו קענסט זיין אַזאַ גוטע... פאַר מיר האָסטו דאָס אויסגענעהט, מיט דיינע קליינע ווייסע פינגערליך? צו ליעב מיר בעמיהעט דיינע אויגעלעך

די זיסע. איך בין ברוגז און זי נעהמט מיר א פרעזענט. קום אהער, זאג מיר וואס ווילסטו?

דבורהלע: וואס זאל איך אייך זאגען, איהר זייט זעהר א גוטער.

שמשון: דיין קול'עכעל איז זיסע מוזיק. אז דו קוקסט איז אקוראט ווי דו זון ברענט, און אז דו געהסט איבער דער שטוב איז א קוראט ווי א פאווע שווימט. זיי גוט צו מיר, דבורהלע, וועל איך זיין דיין קנעכט, דיין דינער. דו וועכט נישט בעז ווערען?... (ער נעהמט איהרע הענד צו קושען) נאר די הענטעליך דיינע...

שמוגלין: הום... גנבים, לאזט מיר כאטש צו נעמען פון טיש.

שמשון: אוי וועה איז מיר! דאכט זיך מיין ווייבעלע, און איך שעהם זיך ווי א גנב. יא, אבער איך מוז לויפען קיין נאוואמירגראד, דער פאלקאווניק האט מיך געהייסען קומען, מיט איהם זיך בערעכענען.

דבורהלע: קענט איהר דען נישט אב לייגען אויף א'נ'אנדער צייט?

שמשון: איהר הערט? זי וויל נישט איך זאל אוועק געהן. זי וויל איך זאל בלייבען דא מיט איהר. ניין, איך וועל נישט געהן. איך וועל לויפען, איך וועל פליהען, אין א שעה ארום בין איך דא צוריק נעבען דיר. אוי געוואלד! וואו ווערען עם בעשאפען אזעלכע מזיקים אויף אונזערע קעפף. (ער קוועטש זי) וואס קרומסטו דיך? עס טהוט וועה? ניש-קשה, שענע, יונגע ווייבעלעך שטארבען נישט פון אזא וועטהוג. ניין, איך לויף איך וועל היינט דארט קריגען געלד, אוי נארעלע איינע, וועל איך דיר קויפען א פריזענט, דו וועסט זעהן. זיי געזונד אין א שעה ארום בין איך דא! אין איין שעה... (עס איז איהם שווער אוועק צו געהן) ניין, ניין! אז איך וועל מיך נישט אברייסען מיט געוואלד וועל איך נישט קענען אוועק געהן. אין א שעה ארום בין איך דא. (אב)

שמוגלין: דו זעהסט? אט די מאנסליטב, גיעב זיי א גלעט מיט

דער האַנד, קען מען שוין פון זיי אַקנויט בלעבטען,
(פיני קומט אַריין)

**דבורהלע:** אַ פאַניע! פאַר וואָס קען איך איהם נישט ליעב האָבען? איך וויל נישט דענקען פון אַנ'אַנדערען, און דאָס הערץ וויל מיך נישט פאָלגען!.. זאָגאַר יעצט...

**שמוגלין:** פאַר דעם בעל־מלאכה איז גענוג אַז דו געהערסט איהם, אָהן ליעבע. דבורהלע! דו האָסט צייט אַ גאַנצע שעה. דו קענסט יעצט אַריבער לויפען צו דיינעם...

**דבורהלע:** רעד נישט, רעד נישט צו מיר. מיין הערץ וועט זיך צו רייסען.

**שמוגלין:** נאַרעלע, דו האָסט אַ שעה צייט! (לויפט נאָך אַ הוט עם ווערד שטיל, דער זייגער שלאָגט 1, זי קומט צוריק)

**דבורהלע:** פאַניע! קאַלט און הייס ווערד מיר פון דיינע רעד. פים און די הענד ציטערען. אַ שעה צייט... זאָל איך געהן מיט איהם רעדען, אָפען און דייטליך? אָדער זאָל איך געהן זעהען אים צום לעצטען מאָל? נאָך איין מאָל איהם זעהען און דאַן אַלעס פערגעסען, אַלעס מיט געוואַלד אַרויס רייסען פון דעם הערצען?...

**שמוגלין:** שטעה נישט, די צייט שטעהט אויך נישט (זי טהוט זיך אָן דעם הוט—שמשון לויפט אַריין)

**שמשון:** איך בין שוין ווידער דאָ!

**שמוגלין:** אוי! אַ מפלה! (פערדעך) דאַרפסט גאָר נישט אין מאַרק? איך געה

**שמשון:** איך בין שוין געוועהן וויט און איך האָב מיך צוריק אומגעקערט. נאָך אַמאָל אַ קוק טהון אויף דיר. נאָך אַמאָל דיך אַרום נעמען. נאָך אַמאָל הערען דיין זיסע שטימע. נאָך אַמאָל אויס־בעטען ביי דיר אַ פריינדליך וואָרט. אוי דבורהלע! איך האָב דיך ליעב (דריקט זי)

**דבורהלע:** אוי וועה איז מיר! איהר קענט מיך אַזוי נאָך דערשטיקען!

**שמשון:** יא. דערשטיקען! מיר ווייזט זיך אוים: איך וועל דיך אזוי ארום נעמען מיט מיינע אייזערנע לאפעם, אז אלע דיינע ביינדעלעך וועלען זיך צו ברעכען. איך וועל דיך אזוי צו־דריקען צו מיין ברוסט אז דו וועסט זיך איינגאנצען אריין קוועטשען צו מיר אין הארצען, און דו וועסט דארט בלייבען... נו איצינד גען איך טאקע אויף דעם אמת. וואס? זאל איך אפשר בלייבען? ניין! איך גען. דבורהלע! אין א שעה ארום בין איך דא... אוי! דאס בלוט האט מיר אזש א קלאפ געטהון אין קאפף אריין! פערגעס נישט אין מיר! און זיי געזונד!

**פיני:** גען נישט שמשון! דו ווייכט וואס זי...

**שמשון:** וואס זי איז? זי איז מיין מיוחסת! מיין טייבעלע, מיין דבורהלע! אוי די שלעכטע מענשען. נאר קריגען זיך הא? הא הא הא דבורהלע. איך וועל איהם פערקויפען (האפט איהם) קויפט א מציאה! ווי טהייער? א דרייער. א דרייער! אוי גנבים לאזט מיך צום פאלקאווניק! (לויפט ראש אב. פאוויציאן).

פארהאנג.

# פיערטער אקט.

(דאס זעלבע צימער ביי סטאדאליע. אליקום און פוזיר זיצען. אויף דער ערד ליעגט א פעקעל זאכען)

אליקום: אוי לאז מיך צורוה! איך בעט דיך. לאז מיך ארויס קריכען פון מיין חשבון. 23 טעג צו $1\frac{1}{2}$ רובל א מעת־לעת איז בסך־הכל...

פוזיר: $1\frac{1}{2}$ רובל? מאצאפורא! ביזט פון זינען אראב? וויפיל איז גאר אינגאנצען ווערטה דיין גאנץ גראנד האטעל?

אליקום: וואס דען? אזא זאל מיט א'נ'אלקער, מיט אלע וויגאדעס, מיט אלע 7 זאכען...

פוזיר: אזוי גאר? אט האסטו אליקום...

אליקום: 23 מאל צו $1\frac{1}{2}$... עה לאז זיין פערציג רובל; 77 סאמאווארען... וואס קוקסטו מיך אן? ווען אפילו 3 סאמאווארען, אטאג?.. ש, ש, ש וואס דארפסטו זיך מישען? זאג בעסער זי איז נאך דארט ביי איהם?

פוזיר: יא. אבער דארט איז עפעס נישט געהויבען. זי וויינט, ער שרייט: פוזיר פאק די זאכען. אויס פאעזיע... ווי איך פערשטעה האט ער דא נישט געטאנצט מיט'ן בער.. די קליין שטעטעלדיגע דאמען האבען ליעב צערעמאניע. אין די גרויסע שטעדט זענען דא דאמען געבילדיטע, איינס צוויי דריי און שוין!... איך געה (אב)

אליקום: איך האב פיינד דעם פוזיר. ער קאמאנדירט ווי א פריץ, און דינגט זיך ווי א יוד. יא, 77 סאמאווארען צו 15 קאפיקעס, אויב צו 10 קאפיקעס? 77 מאהל צו 10 קאפיקעס וועט זיין, לאמיר זאגען א גלייכען חשבון: 8 קערבליך און 77 צו 5 קאפיקעס וועט זיין...

פוזיר: (לויפט צוריק אריין) היידא! מארש! איך לויף! איך לויף, אויף'ן פאטשט נאך פערד. טאטיי מיינער, פערד! מיר פאהרען

באלד. דארט איז קאלאמיטנע און מיר פאהרען. עה! וואט טיעבע ר' אליקום. (לויפט ראש אב)

**אליקום:** איך קען נישט ארויס קריכען! פאר סאמאווארען 12 רובעל כסף; דריי מאל געפילטע פיש, 9 ראסער־פליישען, קניזשעס 2 מאהל. איין מאהל מילכיגע בלינטשעס, א קאטשקע העלזעל, א געדישעכטץ...

**פיני:** (קומט אריין פויל) אוי, אוי, זאל זי אזוי כח האבען צו לעבען ווי איך האב כח צו לויפען (זעצט זיך)

**אליקום:** ברוך־הבא! א גאסט! וואס דארפסטו דא מחותן?

**פיני:** איך ווייס זי איז דא! טויבא מירקע לויפט אויך א העך, ע מהומה מעג אויף איך אלע קומען. מיר איז מיאוס געווארען דאס לעבען קוקענדיג אויף איך. א שען פנים האט איהר אלע ביי מיר.

**אליקום:** א מיאוסע מהומה אויף איך!.. איך וועל היינט נישט ארויס קריכען! א קאטשענע העלזעל.... (ערינערט זיך) אגיל ואשמח! און די פרעזשעניצעס? (טויבא מירקע קומט אריין צו לויפען) נו! אט איז זי גאר! עס כאפט זיי דער שווארץ יאהר. לאמיך נאר מאכען דעם חשבון... אגיל־ואשמח, 10 קאקלעטען, 13 פרעזעניצעס

**טויבא:** שי שי. שרייט נישט, מיר דארפען זי כאפען! מיינער געהט אויך אהער. פיני גזלן לויף נאך שמשון'ען, לאז ער קומען, לאז ער זעהן מיט זיינע אויגען וואס זי איז. צו ליב אזא חצופה אבזאגען זיך פון אלע פריינד, פון אלע קרובים. זי איז דארט מיט איהם?! הא? אוי פאס־קודצטווע!

**פיני:** אלעס איז פאסקודצטווע! די גאנצע וועלט איז פאסקודצטווע. וואס א מענש דאס איז א פאסקודניאק!

**טויבא:** טפוי! זאל זי ווערען! כאפענדיג האב איך אנגעטהון דעם מאנטעל אויפ'ן ינקען זייט! זיי, די פערשייטע דארף אלץ אנקומען גרינג! דער מאן, האט זי ליעב, שענע

יונגע לײַט האָבען זײַ ליעב! זײַ האָבען װאָלהטוג, פֿערגעניגען, און מיר דארפֿען האָרעװען און ליעגען אין דער ערד. אוים קרענקען זאָלען זײַ עס! פֿיני! לויף נאָך שמשונען. זי קושט זיך דאָרטען און האלזט זיך! א מיוחסת! איהר קומט אלץ! באַקעם זאָל עס איהר ארוים! רבש"ע! גאָטעניו זיסער.

**פֿיני:** (הערט ביי די טהיר) יאָ! זי איז דאָרט. דארויף דארף מען חתונה האָבען! אזא קלוגער מענש ווי שמשון זאָל נישט פֿערשטעהן אז א װײַב איז א איבעריגע זאַך! א צרה! א משלחת! אנ'אומגליק אין שטוב! יאָ זאָל ער קומען זעהן מיט זײַנע אייגענע אויגען און מאַכען אנ'ענדע! פֿאַר וואָס קומט זי ליעב צו האָבען? א מיאוסע מהומה זאָל אויף זײַ אלע קומען! (אָב)

**טויבא:** דאנקען גאָט! דערלעבט איהר מפּלה! אוי וואָס דאָ וועט זיך אָב טהון! גאָטעניו זיסער (זי זעצט זיך) ר' אליקום! איהר זאָלט דערלאָזען אזא'נ'עולה? א מפּלה וואָלט איך מיך גיכער אויף איך געריכט!

**אליקום:** חכמה מײַנע! שמחה חיריק וואָלט געוועהן בעסער, אויף מײַן אָרט? א פּריץ! געוועהנליך ווער קען פֿערוועהרען א פּריץ? זאָלען זײַ זיך שלאָגען קאָפּ אין קושען!.. אוי דיל מיר נישט די פּיאָטעס!.. 13 פּריזשעניצעס...

**טויבא:** ווער איז א פּריץ? גיעט זיך א ציה ביי דער פּאָלע און שפּײַט אוים 3 מאָל. א יוד איז ער, א יוד! אז אָך און וועה צו זײַן יודישקייט!

**אליקום:** א יוד? עט יודינע וואָס איהר זענט. איהר רעדט פֿון שלאָף... 13 פּרעזשעניצעס...

**טויבא:** א יוד. איך זאָל אזוי דער לעבען מײַנע קינדער צו דער חופּה פֿיהרען, מיט מײַן חצקלן אין אײנעם, אין נחת און אין פֿרײַדען, איהרער א'נ'אייגענער, א מחותן פֿון איהר משפּחה.

**אליקום:** א יוד? ווערה איז מיר! וואס רעדסטו? דאס הייסט: א יוד גאר? אזא חשבון! 23 מעת־לעת געגעסען און געשלאפען! וואס הייסט א יוד? שש.. זייא געהן! קום נאר אהער זייא זשע מיר מוחל (פיהרט זי).

**טויבא:** וואס הייסט? איך וועל זיי לאזען? וואס רעד איהר?

**אליקום:** נאך נישט אזוי גיך, געהט זי אוועק פון איהם. וואס רעד איהר? גאט איז מיט אייך, א יוד גאר? הום.. דאס איז שוין יא ווי ער זאגט: וואט טעביא ר' אליקום! (ביידע אב)

**פיוויל:** (אונטער די קאליסען) יא יא מאדאם! אזוי איז עס, איהר וועט עס שפעטער בערייען.

**דבורהלע:** (פערוויינט) בערייען! געוויס וועל איך בערייען. אייגענע פעהלער איז קיין מאל נישט שפעט. אדיע! (וויל געהן)

**פיוויל:** קען עס מעגליך זיין. מיר זאלען אונז אזוי גיך שיידען? דבורהלע! אזוי איז מיין טרייע ליעבע בעלוינט געווארען?

**דבורהלע:** איך וויים. איהר האט געווארט אויף איהר בע־לאהנונג... איהר האט געדענקט: א נארישע, ארימע, קליין שטעדטישע דאמע, וועט געוויס נישט לאזען אהן בעלאהנונג, אזא גלעצענדען געבילדיטען הערר... אייער ליעבע איז געוועהן מיט בעדינגונגען. אייערע אויסגאבען דא, אין סטאדאליעם אכסניה און די אויסגאבען פון אייער הערצען זענען געוועזן אויסגערעכענט... יעצט זענט איהר אונצופריעדען? דער בילאנס שטימט נישט...

**פיוויל:** דבורהלע! דו אליין האסט אימער גערעכנט, געדענקט געצווייפעלט... און איך בין געוועהן ענטשלאסען...

**דבורהלע:** יא איהר זענט געוועזן ענטשלאסען... פאר וואס זשע האט איך אייך אזוי דערשראקען ווען איך האב אייך ערקלערט אז איך וויל בלייבען דא מיט אייך? וואו איז געבליבען אייער ענטשלאסענהייט ווען איך האב אייך געזאגט אז איך רעכען פאר אונמעגליך פון דאנען זיך צוריק

אומקעהרען אהיים! אז איך וויל מיט אייך נישט גלאט אזוי פאהרען נאר אייך געהערען אויף עוויג? אה! איהר שרעקט אייך פאר א סקאַנדאל? מען וועט פון אייך לאכען, אדער איהר וועט פערלירען א כלה, מיט 20 טויזענד נדן? גע־וויס! אויף א קורצע צייט מיט א'נ'ארבייטעם פרוי צו פיהרען א ראמאן אין דער שטיל, ווארום נישט? אבער ארויס געהן אפען מיט דעם שלאסערס פרוי, פון זלאטאפאליע און זאגען אפען דער גאנצער וועלט: דאס איז מיין גע־ליעבטע! דאס איז צו פיעל פאר אייער ענטשלאסענהייט, און פאר אייערע קרעפטע?.. אה איך פיהל, איך פער־שטעה יעצט אלעס... (זי וויינט)

**פיוויל:** דאס איז פרויען־פערגניגען! וואו עס פעהלט זיי פער־שטאנד קומען זיי צו הילפע טרערען, מיט היסטעריע... אנשטאט צו לעבען, צו געניסען פון אלעמען וואס דאס לעבען גיעט אונז, וויינט איהר. איהר אמאזירט אונז מיט וויינען!

**דבורהלע:** ניין, ניין, איך וויין נישט! פערקעהרט! איך בין יעצט גליקליך אז איהר האט מיך נישט ליעב. איך האב עס שוין לאנג געפיהלט. יעצט פערשטעה איך אז איך האב אייך אויך נישט געליעבט. עס איז געווען נאר א פערברעכערישע ליידענשאפט. דאס אויג איז ענטציגט געווארען פון א שענעם, עלעגאנטען, אויסגעפוצטען יונגען העררן. אבער נישט דאס הערץ. נישט א מאן זענט איהר! איהר זענט נאר א שענע. אויסגעפוצטע פופע! און די פרוי וועלכע אפפערט איהר לעבען פאר א מאנסביל א פופע איז א'נ'אידיאט...

א! מאדאם אייזענהאלץ. איהר הויבט אן צו רעדען מיט אייער נאטירליכער, זלאטאפיאלער שפראכע!

**דבורהלע:** נישט אייזענהאלץ. אייזענשטאל איז דער נאמען פון דעם מאן, געגען וועלכען איך בין געווען אזוי אונדאנק־

באר. אייזענשטאל! דען ער איז ווירקליך פון אייזען און שטאל ווען ער קאן אלעס אויסהאלטען, און פערצייען. אייזען'שטאל איז ער, ווייל ער איז דער מענש, וואס האט קראפט, ענטשלאסענהייט, און ענערגיע! אבער וואו איז אייער ענטשלאסענהייט, אייער ענערגיע, איהר, אין זיך זעלבסט פערליבטער עגאאיסט?!

**פיוויל:** עגאאיסט! אידיאט! האט איהר נאך ווערטער אין אייער זלאטאפאליער לעקסיקאן? אדער איהר וועט באלד לאזען אין דער ארבייט אייערע נעגעל?

(עס קומט ארײן טויבא מירקע מיט ווייבער און אליקום)

**דבורהלע:** (בעטראכט איהם) נײן! אין בוך איז שוין מעהר קײן ווערטער נישטא! אלע ווערטער האבען זיך שוין געענדיגט. א ווי דום, ווי בלינד איך בין געוועזען! (זי וויינט)

**טויבא:** בלינד ביסטו געווען? דיר וועט איה"ש ארויס קריכען די איינען! וואס איז? איהר פארט שוין אוועק?

**פיוויל:** שטיל! ווער וואגט דא צו רעדען? פארט

**אליקום:** שא שא! דו מאך נישט פון זיך אזא גרויסען טאראראם! דו ביסט דאך נישט מעהר ווי א יוד, ארוים מיט געלד! בעצאהל מיר וואס עס קומט! אז דו ביסט א יוד, מעג איך זאגען זאלסט קײן שײגעץ נישט זײן!

**פיוויל:** איוואן פוזיר! ברענג אהער א גארדאוואי! א פאליציאנט! איך וועל אייך וויזען, איהר שמוטציגע שווײנען! איהר ווייסט די געזעצע? איך וועל אייך לערנען די געזעצע! גארדאוואי!....

**טויבא:** זעה נאר בעסער ווי זי איז בלאס געווארען! אקוראט ווי פאר דעם טויט! א, מײנער געהט אהער! וואס דא וועט זיך היינט אב טהון, גאטעניו זיסער! (חצקאל און יודען)

**חצקאל:** מען האט נאך נישט געטרײבערט? הא? דא זענען דאך די מחותנים, העבט זיי אן צו טרײבערען! וואס קוקט

איהר זייַ אָן ? מז"ט דיר טויבע מירקע! אַ נייַעם פריינדעל, אַ נייַער יחוס אין דער משפחה!

**טויבא:** אוי שמשון זאָל דאָ זייַן. וואו איז שמשון ? זאָל ער כאָטש זעהן זייַן שמחה! ער קריכט דאָרט ווי אַ זשאַבע, דער קאַלטבליטיגער שלימזלניק. חצקאל! האַלט זיי! איך וועל לויפען שמשונן אַ קעגען. קוק זי נאָר אָהן, זיצט ווי אַ קאַץ וועלכע מען האָט געכאַפּט בייַם נאַשען... וואו איז דאָס שמשון ? רבש"ע! (אָב)

**חצקאל:** נו, מיוחסת! האָסט געמאַכט „קלייַן געלד" פון חצקאל העקער, האַ ? איך זאָג דיר אַז דער קלענסטער הונד בייַ מיר אין יאַטקע איז אַ גרעסערער מיוחס פון דייַן בחור.

**אליקום:** פריהער אַהער מיט די 18 און 13. מיוחס!

**חצקאל:** איך ווייס אַז בייַ מיר אין יאַטקע, די מיוחסים האָבען ליעב אַ גוטען חלק...

**וויבער:** וואָס קוקט איהר, אויף איהר ? שלעפּט זי צו איהר מאַן!

**פוזיר:** (קומט אָן צו לויפען) פערד וועלען זייַן אין איין מאַנאָמענט! אַה! וואָס איז דאָ ? אַ גאַנצער סקאַנדאַל! ע! רעספּעקט איהר...

**אליקום:** פערד! רעספּעקט! אַ חכמה. איהר באַצאָהלט מיר פריהער מייַן חשבון! אַהער צו מיר מיט די רענצלעך! יודען העלפט מיר! אַ יוד גאָר! (ער כאַפּט די געפּעקע אַלע העלפען איהם) בעצאָהלט געלד! (דער וויַיגער שלאָגט 4, אַלע ווערען שטיל)

**דבורהלע:** פיער דער זייגער... וועה! וויפיל איך האָב פון 3 ביז 4 איבערגעלעבט. לאָזט מיך אַהיים! די שעה האָט זיך געענדיגקט! (זי לויפט ארויס, די ווייַבער נאָך איהר)

## פערוואַנדלונג.

(אַ צימער בייַ אייזענשטאָל)

**שמוגלין:** (אויפגערעגט) איך וועל משוגע ווערען, טאַטע זיסער! עס איז שוין אַ שעה, און זי איז נאָך נישטאָ! וואָס זאָגט

איהר פארט צו איהר ? פריהער האט זי אהין נישט געוואלט געהן און יעצט איז זי דארט פערפאלען געווארען ! איך האב דאס פריהער געוואוסט. וואס דען ? אזא קאוואליר, טאטע זיסער ! אוי, אוי ! איך זיטץ ווי אויף שפילקעס, דער גראבער יונג דער בעל־מלאכה קען יעדע מינוט קומען. טאמער קומט ער ווער איך משוגע ! ער געהט, אוי איך שטארב ער געהט. (פיני פאלט אויף דער קאנאפע) סך הכל ! טפוי זאלסטו ווערען ! צו דיין קאפ ! פיני וואו געוועהן ?

פיני : וואו איך בין געוועהן, בין איך שוין דארט נישטא. ווי אזוי וועל איך קענען שמשונן זאגען, וועה איז מיר אויף זיין הערץ !

שמוגלין : וואס איז דיר פיני ? פיהלסט דיך ערגער ?

פיני : ערגער אדער בעסער, נישט אייער באבעס עסק ! מיט אייערע גנבשע רייד, קענט איהר נארען מיין ברודער, אבער נישט מיך. גאט אין הימעל ! פאר וואס שיקסטו נישט דעם טויט אויף מיר, אויף זיי אלע ! איך וועל היינטיגען טאג נישט איבער לעבען.

[illegible]ין : פיני איך בין מיט דיר אדרבה ואדרבה און דו בימט מיט מיר קידער־ווידער. וועה איז מיר טאטע זיסער ! וואו איז זי ? וואו איז זי ? (אב)

פיני : שמשון איז נאך נישטא ! אוי ווען איך זאל קאנען איינ־שלאפען און נישט אויפשטעהן ! אלע אונגליקען קומען פון די ווייבער, אלע אונגליקען פון זיי ! אוי !...

זיידע : (קלאפט מיט'ן שטעקען) וואס איז דא אזוי שטיל ? איז קיינער נישטא אין שטוב ?

פיני : עס איז שטיל אין שטוב וויל מיר זענען שוין אלע בעגראבען.

זיידע : א ! דו אלטער קברות־מאן, דו האסט נאר צו טהון מיט'ן בעגראבען, שוטה ! דו טראכט וועגען לעבען, ווי

אוי דיך צו בעגראָבען וועלען שוין אַנדערע זאָרגען.

**פיני:** מיר מעגען זיך אַלע בעגראָבען לעבעדיגער־הייט. די מיוחסת אונזערע, אוי זיידעניו דו זאָלסט וויסען...

**זיידע:** העבסט שוין ווידער אָהן מיט רכילות און מיט שלעכטע רייד? דו פערגיגסט נישט עס זאָל זיין שלום אין שטוב, ניין! עס קרענקט דיך?

**פיני:** שלום! אַ גוטער שלום? די אויסגעלאַסענע! די חצופה. דו ווערסט זעהען וואָס היינט וועט זיך דאָ אָפּטהון. אויב ער וועט זי היינט נישט פּאַטשען איז ער ערגער פון אַ פושע־ישראל.

**זיידע:** שוין ווידער? פיני! עס איז איבער מיינע קרעפטען! איהר פערשטערט מיר דאָס לעבען! הער, איך שווער דיר: איך וועל אַוועק געהן אין הקדש דערלעבען מיינע לעצטע טעג. בעסער אין הקדש מיט פרעמדע, איידער מיט אזעלכע גיפטיגע מענשען. אין הקדש, ערגעץ אין אַ פינצטערען ווינקעל, וועט מיר רוהיגער זיין.

**פיני:** (ערשראָקט) אין הקדש! גאָט איז מיט דיר! זיידעניו איך בין נישט שולדיג: זיי נאַרען איהם, זיי מאַכען חוזק פון אונז אַלע. ווען שמשון איז נאָר אַרויס פון שטוב איז זי באַלד אַוועק צו איהר מחותן. מיט שמשון'ן האָט זי גערעדט זיסע רייד און געטראַכט האָט זי פון אַ'נ'אַנדערען. זי איז יעצט אין סטאַדאָליעם אַבסניה. זי פע... איך קען דיר נישט זאָגען, עס איז זעהר אַ מיאוסע זאַך...

**זיידע:** זאָג נישט קיין ליגען, פיני! צו ברעך נישט מיין האַרץ מיט אזעלכע בשורות! פיר מיך נישט אַראָב פון זינען, מיט דיין נייעס! איך וועל דיך שלאָגען דו שייגעץ! (בעז)

**פיני:** זיידעניו! טויבא מירקע איז דאָרט. די גאַנצע שטאָדט ווייסט שוין. לויפענדיג האָט טויבא־מירקע אַלעמען דערצעהלט. אַלע מאַרק־ווייבער זענען דאָרט. איך אַליין האָב געזעהען מיט מיינע אויגען. זאָל איך בלינד ווערען, אוי, ווי דו זיידעניו, אויב איך זאָג אַ ליגען.

זיידע: וואס איז דאס? גאט אין הימעל! עס איז אמת!.. א צייטען! שענע צייטען איז היינט! וועה איז מיר! וועלכע חרפות! וועלכע בזיונות! אויף פיני: שמשון, ווערט דאס נישט אויס האלטען; זיין איידעל הארץ וועט דאס נישט איבער-טראגען!

פיני: יא זיידע איך פיהל עס! און מיר טהוט וועה דאס הארץ פאר איהם!

זיידע: שמשונ'ן אנגעטהון אזעלכע יסורים! שמשונ'ן? פיני! אזוי ווי א משוגענער ליעבט ער זי. זיין נשמה האט ער איהר אב געגעבען, זיין לעבען איז ער איהר מקריב, גאטעניו! פאר וואס זאלסט דו גוטע, אנשטענדיגע מענשען אזוי שטראפען? אוי פיני! ווי אונגליקליך מיר זענען? (ער וויינט) אוי שמשון! שמשון!

פיני: יא זיידע מיר זענען זעהר, זעהר אונגליקליך!

זיידע: שש.. איך הער זיינע טריט ער דארף אונזערע טרערען נישט זעהן. דו שוויג פיני! דיינע רייד קענען איהם, חלילה דער הרגענען! (זיי זיצען רוהיג)

(שמשון לויפט אריין מיט 2 בינטליך און נאך איהם שמוגלין)

שמשון: אט בין איך דא, דבורהלע! דבורהלע! אביסעל פער-שפעטיגט זיך! וואו ביסטו מיין טייבעלע?

שמוגלין: זי מוז דא ערגעץ זיין. ערשט ארויס געגאנגען...

זיידע: אוי וועה איז מיר! וועה איז מיר!

שמשון: אוי! בין איך דאס געשפרינגען ווי א בער, הא הא הא! האפ, האפ! שיקט זי באלד אריין! (שמוגלין אב) זיידעניו, מיר דאכט זיך איך וועל דיר היינט אויס ציפען די בארד. וואס איז פיני? דו פיהלסט זיך שלעכט? זאג איהם זיידע עס איז א גרויסע זינד צו פיהלען זיך שלעכט! ווען שמשון פיהלט זיך אזוי גוט, אזוי גליקליך, אה דבורהלע! וואו האסטו זיך בעהאלטען? דו טהייער גנבע׳ט סיינער!

**שמוגלין:** (קומט צוריק) וואָס זאָגט איהר פאַרט צו איהר? מאַטע זיסער! איך וועל משוגע ווערען, און דאָ האָב איך מורא איהם צו לאָזען אַליין מיט זיי! .. (צו שמשונען) שוין באַלד, זי געהט שוין אַריין! אוי וואָס האָט איהר עס געבראַכט?

**שמשון:** עה! וואָס איך האָב געבראַכט! איהר זעהט? אַ גאַנץ שטיק סאַמעט. איך האָב בעקומען ביים פּאָלקאָווניק אַ היבשע אַפּותיקו ייז האָב געוואָלט קויפען מיין דבורהלען אַ פּרעזענט. ווי אַ פּערסמטער בין איך אַריין געלאָפען צו פּאַנטאָלעיעווען אין מאַגאַזין. זעהט אַ סאַמעט! ער האָט געוואָלט מעסטען — איך האָב קיין צייט נישט! גיב אַהער דאָס גאַנצע שטיק. וויפיל איז דאָ? 22 אַרשין? נישט קשה עס וועט צו נוץ קומען. ה ה ה.. זיידע! טאַפּ אָן אין מיסטען מיט די פינגער: טהייערע סחורה!

**זיידע:** מיין קינד! איך בין נישט קיין מבין אויף היינטיגע סחורות: זיי קאָסטען טהייער און בראַקעווען. אין אונזערע צייטען, איז גוטע סחורה געווען גוטע סחורה, און אַ'נ'אָרענדליכער מענש איז געווען אַנ'אָרענטליכער מענש. עס האָט נישט געבלאַקעוועט...

**שמוגלין:** און וואָס איז דאָס? אויך אַ פּרעזענט פאַר דבורהלען? אַך טאַטע זיסער! זי וועט היינט משוגע ווערען!

**שמשון:** מאַדאַם! בייסט איך בעסער אָב די צונג! איהר זעהט וואָס דאָס איז? אהא? ח ח ח! איהר האָט איך דער־שראָקען? עס איז דעם פּאָלקאָווניקס פּיסטאָלעט. אַ טהייערער, מיט קאווקאַזער זילבער אַרום געלעגט. ער איז שוין 6 חדשים נישט אויס־געלאָדען! און דער פּאָלקאָווניק האָט מורא יעצט אַליין אויס צו לאָדען. ער קען צו רייסען די רעהר, האָט ער מיר איהם געגעבען אַז איך זאָל איהם אויס־לאָדען... אָבער אים גאָטעס ווילען ווי איז דאָס דבורהלע?

**פיני:** וואָס האָסטו זיך פערבענקט נאָך איהר? נישט קשה עס וועט בעשערט זיין, וועט זיך דיין שאַדען אָב זובען.

**זוידע:** פיני! פיני! זיי שטיל. שמשון! מיך שרעקט זעהר וואס
ן ביסט אזוי פערקאכט אין דיין ליעבע. געוויס מען
דארף ליעב האבען. אבער מען דארף זיין א מענש.

**שמשון:** וואס ווייסטו יעצט פון ליעבע? דו אלטער קונדאס
מיינער! אבער דבורהלע אהער גיך גיבער! (אויפ'ן שוועל)
דבורהלע! דבורהלע! אהא זי גיהט! זי לויפט מיין פייגעלע,
מיין דבורהלע! (טויבא מירקע קומט אריין) אה דו גאר!

**טויבא:** יא איך גאר. אויף אזא גאסט האסטו דיך גאר נישט
גערעכט?

**שמוגלין:** א שלאק איז צו מיר! איך וועל משוגע ווערען עה!
דבורהלע, דבורהלע (אב)

**טויבא:** רוף זי! רוף זי! שריי העכער. אבער ווי זיי קענען יעם
שפילען די קאמעדיע?!

**שמשון:** וואס ביסטו עפיס אין מיטען דריגען אנגעקומען? ביזט גאר
נישט ברוגז?

**טויבא:** איך האב דיר געבראכט א בשורה. ברודער מיינער!

**פיני:** זאג איהם, דערצעהל איהם דעם גאנצען אמת...

**טויבא:** דאנקען גאט דערלעבט איהר מפלה... הייליגער מאיר-
בעל-נס היינט האסטו פערדינט ביי מיר א קאפעקע.

**זוידע:** מיט וועמענס אונגליק פרעהסטו דיך? אוי קינדער,
קינדער! וואס פאר א שלעכטע מענשען איהר זענט!

**שמשון:** וואס איז? וואס איז שוין היינט ווידער?

**טויבא:** וואס זאל זיין? (צו שמוגלין) וואו איז דאס דיין מאדא-
מעשי? די מיוחסת אונזערע?

**שמוגלין:** זי איז דא, וואס איז? זי וועט באלד אריין געהן.
(שמוגלין ארויס)

**טויבא:** דא איז זי? (צו שמשונען) גולם! עפען שוין דיינע
אויגען. נישט דא איז זי! דארט ביי דעם אדעסער שירלא-
מאן. גאנץ זלאטאפאליע קאכט דארט שוין.

**זוידע:** שמשון! נעם זיך דאס נישט צום הערצען, מיין קינד.

קום אהער צו מיר, הער וואס איך וועל דיר זאגען...

**שמשון:** אוי לאזט מיך צורוה! וואס רעדט איהר דארט? וואס ...ילט איהר מיר דעם קאפף? דבורהלע! דבורהלע! אהער עה! עה! מאראם שמוגלין! וואו זענען זיי דארט?

**טויבא:** קום מיט מיר, קום אין אליקומס אבסניה וועל איך דיר ווייזען וואו זי איז. קום, איידער מען וועט זי ברענגען אהער מיט פויקען און טאצען....

**פיני:** זי איז נישט ווערטה וואס די ערד טראגט זי, און דו געהסט אוים נאך איהר. איך האב זי אליין געזעהן ביי איהם אין אלקער! א מיאוסע מהומה זאל אויף איהם קומען!

**זיידע:** יעדעם אונגליק דארף א מענש קענען איבערטראגען. ליעבע מיין קינד איז נאך נישט אלעם מען דארף האבען שכל...

**שמשון:** הערט! מיט א שעה צוריק איז זי דא געשטאנען. זי האט זיך מיט מיר געזעגענט. זי האט נישט געוואלט איך זאל אוועק געהן. (בעז) אה איהר זענט אלע שלעכטע מענשען! ווילדע חיות! ליגנער! וואס ווילט איהר פון מיר. מערדער! (קלאפט מיטן פיס) דבורה! אהער געה!

**טויבא:** איך זאג אייך זי האט איהם משוגע געמאכט!...

**שמשון:** דבורהלע! דבורהלע! (ווארפט אראב פאר כעס דעם סאמאוואר) וואס טהוט זיך דא צום טייפעל! צו אלדע שווארצע יאהר דבורהלע! דבורהלע! (דבורהלע קומט אן) אה איהר זייט דא! (רוהיג) נו, וואו זייט איהר דאס געוועהן? צו נאסט געגאנגען? ביי אים געוועזן? ביי אים דארט! (בעז) וואס שווייגסטו? וואו ביזטו געוועזן?

**דבורהלע:** איך בין געוועהן דארט ביי איהם...

**שמשון:** יא? (זעצט זיך) אוי! (א געוועזן מיט א געלעכטער)

**טויבא:** אוים געלאסענע! ווי אזוי קענסטו מיט דיינע פערשעהמטע אויגען איהם קוקען אין פנים? (טויבא רוקט זיך צו צו דבורהלען)

**פיני:** מיר דארפען דיך נישט מעהר אין אונזער שטוב!

**שמוגלין:** וואוהין? וואוהין קריכסטו מאדאם? איך וועל דיר אויסדראפען דיינע אויגען!

(ווייבער קומען אריין)

**ווייבער:** זי איז דא?

**טויבא:** דאס איז אונזער נייע אדוואקאדטעכע..

**שמוגלין:** וואס שטעהסטו ווי א טויטע? געה בעהאלט זיך דארט ביז דער רעש וועט פאר-איבערגעהן, טאטע זיסער! הלואי! עס זאל זיך נישט טרעפען! ערגערע זאכען פער־געסען זיך!

**דבורהלע:** איך האב נישט פאר וואס זיך צו בעהאלטען, און וויל נישט און האב נישט וואס עס זאל פארגעסען ווערען! דו געה אוועק פון מיר!

**טויבא:** אט קומען די מאגסבילען, היינט וועט זיך דא עפעס אבטהון!

(חצקאל אליקום. יודען און פייוויל)

**שמשון:** וואס איז? געסט? געסט ביי מיר היינט?

**אליקום:** איז ער א יוד דארפען מיר זיך אין איהם נוקם זיין. איך העך שמחה חיריק אין דער פיאטע, ער האט מיר בעצאלט, אבער וואס הייסט, מיר וועלען איהם לאזען פארען. מיר זענען דאך עפעס יודען אויף דער וועלט.

**חצקאל:** א בהמה איז ער, און דו שמשון נעם איהם צום טרייבערען.

**שמשון:** ער איז א געבילדעטער מענש... לאז איהם אב.

**פייוויל:** יעצט האב איך מיר איבערצייגט ווי אמת דאס איז: אז פאנאטישע יודען פון די קליינע שטעטליך האלטען נישט פון קיין געזעצע. זיי האבען קיין זיטען, פיהרען זיך ווי ווילדע טהירע. איך וועל אייך אלע אונגליקליך מאכען. איך טעלעגראפיר באלד צום גובערנאטאר, צום פראקוראר, איך וועל צייך אן־לערנען! (וויל געהן)

**שמשון:** זי וויינט און איהר געהט אוועק, אהן א „זייט געזונד"? האט איהר גאר נישט צו זאגען? קוקט אויף מיר. איהר האט זי ליעב? זי געפעלט אייך? טא נעמט זי מיט, זי קאן געהן! קיינער האלט זי נישט דא!

**טויבא:** אוי וויי בעלעך הערט ווי א יוד רעדט. ער איז משוגע געווארען! (מען הערט אין דרויסען קלינגען, פוזיר קומט אריין)

**פוזיר:** קאם אויסגעפונען פערד! אז קהל וויל נישט, זאגט דער פאטשטער, גיט מען קיין פערד נישט. וואט טעביא ר' אליקום!

**פיוויל:** וואס? נישט לאזען? קיינער קען געגען מיר קיין געוואלדען בענוצען!

**שמוגלין:** פאלגט מיך, הער וואלאכאווסקי, נעמט זי מיט.

**פיוויל:** ענטשולדיגט! איך קען קיין מענשען מיט מיר מיט נעמען.

**שמשון:** איהר קענט נישט. נו פאהרט אייך געזונדטער הייט (שטופט איהם ארויס) הום! זעה נאר די געבילדעטע שטרויענע מענשלעך! איין עה... ארויס פון דאנען!...

**פוזיר:** איין מאנאמענט! די קליין שטעטעלדיגע יודען זענען א פלעק אויף דער ציוויליזאציאן!

**שמשון:** אויך א געבילדעטער מענש? אלע זענען יעצט געבילדעטע. נו און איהר וואס דארפט איהר דא? וואס זייט איהר אויך צו נויף געלאפען אויף אייער בעז וואונדער? איהר קענט קיין עולות נישט ליידען? אלע ארויס פון מיין שטוב!

**אליקום:** אט דאס איז טאקע ווי מען זאגט: מהו א יודען א טובה זאגט ער דו ביזט איהם א שונא!" פוזיר זאגט: די קליין שטעטעלדיגע יודען זענען א פלעק אויף דער צוויליזאציע, גרעכט! (אב)

**שמשון:** טויבא מירקע! נעם דעם וועג! הצקאל! געה אהיים טרייבערען. קיינער דארף נישט וויסען וואס ביי מיר אין שטוב הערט זיך!

**חצקאל:** דו ביסט אליין אויך א גוטע בהמה! מען דארף דיך אויך טרייבערען! (זיך)

**שמשון:** מאראם שמוגלין אז איך וועל אייך דארפען וועל איך גאך אייך שיקען רופען אויפ'ן יריד. איך בין ביי מיר אין דער היים.

**שמוגלין:** וועה! וואס זיי וועלען פון אונז רעדען! (געהט אב)

**שמשון:** וואס זיי וועלען דארט זאגען ארט מיך נישט! (צו דבורהלען) איך וואלט געוואלט הערען וואס האט איהר מיר צו זאגען? איהר שווייגט! און איך האב מיך זעהר געאיילט אהיים, הערען פון אייך עפעס גוטס, הא הא הא! איך האב נישט געפיהלט די ערד אינטער זיך. מיין הערץ איז געוועהן פול מיט פרייד און מיט האפנונג. די מתנה וואס איך האב אייך געקויפט האב איך געדריקט צו מיין הערץ. איך האב מיך פארגעשטעלט אייער צופרידענהייט. איך בין געוועהן גליקליך. א! שווייג נישט! ווארום דיין שווייגען פיהרט מיך פון זינען אראב!

**זוידע:** שמשון! שמשון! איך בעט דיך, נאר נישט מיט כעס, וואס זאל מען טהון? אז מען קען נישט לעבען צוזאמען, צו געהט מען זיך. ביי יודען איז דא א גט דערויף. אבער אהן בזיונות. קינדער! אהן קריגעריי!

**שמשון:** זיידעניו! וואס האב איך ערווארטעט צו טרעפען אי דער היים, און וואס האב איך געטראפען? אבער נאך וואס האסטו מיר געגארט? נאך וואס האט איהר מיר האפענונג געגעבען? דו האסט מיך נישט געקענט ליעבען דארף מען נישט, אבער טהון מיר שלעכטס, מאכען מיר צום נארען, חוזק מאכען פון מיר! א רעד! ווארום איך וועל פון דיר א תל מאכען!

**דבורהלע:** איך האב נישט וואס צו רעדען. איך האב נישט וואס צו זאגען.

**שמשון:** ניין? איין ווארט נישט פאר מיר? דער גראבער יונג

פערדינט אפילו נישט מען זאל ביי איהם בעטען פערצייהונג?
מען זאל איהם זאגען א ווארט, מען זאל ארייין געבען א
האפענונג אז שפעטער וועט דאס נישט זיין מעהר? נו
לאז זיין אז איך פערדין נישט, נאר מיך צו פערבלענדען
די אויגען... בערוהיג מיך מיט ליגען. מיט פאלשע
רייד, מיט וואס דו ווילסט. אבי בערוהיג מיך!.. הא הא
הא! דו ווייסט איך האב דאך דיר א פרעזענט געבראכט!

**דבורהלע:** יעצט איז שוין צו שפעט. דער זיידע איז גערעכט.
אונז איז געבליבען איינס, דאס איז א גט.

**שמשון:** אה! א גט ווילסטו? הא איך וועל דיך גטען? נישט
אומזיסט האט גראד היינט דער פאלקאווניק געגעבען אויס-
לאדען דעם פיסטאלעט! מיט זילבער בעשלאגען, פאר דער
מיוחסת! אזוי דארף זיין מיוחסת? דו שווייגסט! קענסט
נישט רעדען שווייג! שווייג! שווייג! (ער שיסט זי, זי פאלט)

**זיידע:** וואס האסטו עס געטהון? אונגליקליכער! וועה איז מיר!
וועה איז צו מיין אלטען קאפף!

**פיני:** ברודער שמשון! דאס האסטו נישט בעדארפט צו טהון!

**שמשון:** נישט געדארפט? א יא נישט געדארפט? דבורהלע!

**דבורהלע:** יעצט קען איך רעדען. איך שטארב, ווייל איך בין
שולדיג! מיין ערשטע שולד איז וואס איך האב געמיינט
אז יעדער מענש קען לייכט נעמען זיין גליק ווי ער וויל
און ווען ער וויל און קיינער וועט איהם נישט שטערען.
מיין צווייטע שולד איז: וואס מיין גליק האב איך געקענט
געפינען נאהנט און איך האב עס געזוכט וויט. שמשון!
דו ביזט יעצט אין מיינע אויגען ווי שמשון הגבור, שטארק!
טרעפטיג! ענערגיש! איך בעשולדיגע דיך נישט אין מיין
טויט. א! מיך פערדריסט נאר ווייל איך האב אזוי שפעט
אנגעפאנגען צו פערשטעהן. א גוטער ביסטו שמשון און
אז איך זאל אציגד לעבען, וואלט איך דיך ליעב געהאט.
גלויבסטו עס מיר? דאן פערצייהע מיר! (זי שטארבט)

**שמשון:** זיידעניו, זי איז טוידט! זי לעבט נישט מעהר! איך האב זי דערהרגעט! איך האב זי דערהרג'עט!..

**זוידע:** וואס זאל איך דיר זאגען יעצט, אונגליקליכעס קינד? און מיט וואס זאל איך דיך טרייסטען? א יוד זאל זיין א מערדער! א יוד! וועה איז מיר ווי האט מען עס אין אונזערע צייטען געקענט זעהן.

**שמשון:** און ווי האט מען געקענט זעהן אז א גראבער יונג א בעל-מלאכה זאל אזוי ליעבען ווי איך האב זי געליעבט? איהר קענט דען פערשטעהן, איהר קענט דען בעגרייפען ווי איך האב זי געליעבט? דבורהלע! פאר וואס האסטו נישט געפיהלט וואס מיין הערץ פיהלט? זיידעניו! זי איז טוידט! זי הערט נישט וואס איך זאג איבער איהר? אונזערע מהייערע מיוחסת איז טויט! נישטו קיין לעבען מעהר! נישטו קיין וועלט! אוי דבורהלע! דבורהלע! מיין געליעבטעס הייב!.. (ער פאלט)

פֿארהאנג.

# ענדע.